START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring

150mm

6"

LINE

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Microfilmed 2005
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2005-1897.6

Wilde, Oscar.
Shlomis : tragedye in eyn akt.
Kovne : Kultur, 1921

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005- 1897.6

Wilde, Oscar, 1854-1900.
Shlomis : tragedye in eyn akt / Idish: Beynish Shtayman.
Kovne : Kultur, 1921
37 p. ; 21 cm.

1. English drama--Translations into Yiddish.--lcsh
I. Shtayman, Beynush, 1897-1919. II. Lithuania-Kaunas

ID : NXYH02-B748 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /14884c

Reduction ratio X.10.0

שלומית.

טראַגעדיע אין 1 אַקט

פֿון אסקאר אואַײלד.

אידיש:

בײניש שטײמאַן.

זעצעריי און דרוקעריי „אַרבעט” קאָווינע, דאָווקאַנט גאַס 18.

1921.

פערזאנען.

הורדות אַנטיפּה, דער טעטראַרך פון יהודה.

יוחנן המטבל.

אַ יונגער סיריער, דער עלטסטער פון וואַך.

טיגעלינוס, אַ יונגער רוימער.

אַ קאַפּאַדאָציענער.

אַ נוביער.

1-טער קריגסמאַן.

2-טער קריגסמאַן.

הורדיה׳ס פּאַזש.

יהודים, נוצרים און אַנדערע.

אַ שקלאַף.

נעמן, (תליון).

הורדיה, די ווייב פון טעטראַרך.

שלומית, די טאָכטער פון הורדיה.

שלומית׳ס שקלאַפינס.

אַ גרויסע טעראַסע אין הורדות'ס פּאַלאַץ, וואָס שליסט זיך צו צום מאָלצייט־זאַל. עטלאַכע קריגסמענער שטייען אָנגעשפּאַרט אָן די פּאַרענצעס. אַנטקעגן אַ גרויסער לייטער. אויף לינקס אין דער טיף אַן אַלטער מקוה מיט אַ צוים פון גרינע בראָנז. לבנה־ליכט.

יונגער סיריער: ווי שעהן איז היינט אוונט די בת־מלכה שלומית.

הורדיה'ס פּאַזש: טוט אַ קוק אַף די לבנה, בּאַ דער לבנה איז זעער אַ מאָדנער אויסזען, זי איז ענלאַך אויף אַ טויטע פרוי, מען קאָן מיינען זי זוכט טויטע.

יונגער סיריער: בּא איר איז זעער אַ מאָדנער אויסזען. זי איז ענלאַך אויף אַ קליינע בת־מלכה אין אַ געלן שלייער, בּאַ וועלכע די פיס זייַנען פון זילבער, זי איז ענלאַך אויף אַ בת־מלכה, בּאַ וועלכע די פיס זיינען ווי, קליינע, ווייסע טייבעלאך... מען קאָן מיינען זי גייט אַ טאַנץ.

הורדיה'ס פּאזש: זי איז ווי אַ טויטע פרוי, זי באַוועגט זיך זעער לאַנגזאַם.

(אַ רעש אין מאָלצייט־זאַל).

1-טער קריגסמאַן: סער'אַ רעש! וואס פאַר ווילדע חיות ברומען דאס?

2-טער קריגסמאַן: די יהודים. זיי זיינען תמיד אַזוי. זיי זיינען זיך מתוכח וועגן זייער גלויבן.

1-טער קריגסמאַן: פאַרוואס זיינען זיי זיך מתוכח וועגן זייער גלויבן?

2-טער קריגסמאַן: איך ווייס ניט, זיי זיינען זיך תמיד מתוכח... די פרושים, צום ביישפּיל, באַשטעטיגן, אַז ס'זיינען דא מלאכים און די צדוקים זאגן, אַז מלאכים עקזיסטירן ניט.

1-טער קריגסמאַן: איך האַלט פאַר לעכערליך צו שפּארן זיך איבער אַזעלכע

ענינים.

יונגער סיריער: ווי שעהן איז היינט אוונט די בת־מלכה שלומית!...

הורדיה׳ס פּאַזש: איר קוקט שטענדיג אויף איר, איר קוקט צופיל אויף איר. מען טאר אַזוי ניט קוקן אויף מענשן... ס׳קאן זיך טרעפן אַ אומגליק.

יונגער סיריער: זי איז זעער שעהן היינט אוונט.

1-טער קריגסמאַן: ביי׳ם טעטראַרך איז אַ טרויעריגער אויסזען.

2-טער קריגסמאַן: יע, ביי אים איז אַ טרויעריגער אויסזען.

1-טער קריגסמאַן: ער קוקט אויף עפּעס.

2-טער קריגסמאַן: ער קוקט אויף עמיצן

1-טער קריגסמאַן: אויף וועמען קוקט ער?

2-טער קריגסמאַן: איך ווייס ניט.

יונגער סיריער: ווי ס׳איז בלייך די בת־מלכה! איך האב קיינמאל איר ניט געזען אַזאַ בלייכע. זי איז ענלאַך אויף א אפשפּיגלונג פון אַ ווייסער רויז אין אַ שפּיגל פון זילבער.

הורדיה׳ס פּאַזש: מען דארף ניט קוקן אויף איר, איר קוקט צופיל אויף איר.

1-טער קריגסמאַן: הורדיה האט אנגעגאסן וויין דעם טעטרארך.

קאַפּאַדאציאנער: די מלכה הורדיה איז אט די, וואס איז אין שוואַרצן שלייער באַזייט מיט פּערל, בא וועלכע די האר זיינען געפארבן העלבלוי?

1-טער קריגסמאן: יע, דאס איז הורדיה. דאס איז די ווייב פון טעטראַרך.

2-טער קריגסמאַן: דער טעטראַרך האט זעער ליב וויין, ביי אים איז פאַראַן דריי מינים וויין: איינס פון אינזל סאַמאטהאַראַץ פּורפּור־רויט ווי דעם צעזארס־מאַנטל.

קאַפּאַדאַציענער: איך האַב קייגמאל ניט געזען דעם צעזאַר.

2-טער קריגסמאַן: **דער צווייטער פון שטאַט ציפּרעס, ער איז געל ווי גאָלד.**

קאפּאַדאַציענער: איך האב זעער ליב גאלד.

2-טער קריגסמאַן: **און דער דריטער איז סיצילישער וויין, דער וויין איז רויט ווי בלוט.**

נוביער: די געטער פון מיין לאַנד האַבן זעער ליב בלוט. צוויי מאל אין יאר ברייגגען מיר זיי אין אַ קרבן בחורים און מיידלאַך, — פופציג בחורים און הונדערט מיידלאַך, נאָר מסתּמה, גיבן מיר זיי קיין מאל ניט גענוג, ווייל זיי זיינען זעער בייז צו אונז.

קאַפּאַדאציענער: אין מיין לאנד זיינען ניטא קיין געטער, עס האבן זיי די רוימער פאַרטריבן, אַנדערע זאגן אַז זיי האבן זיך פאַרבאַהאַלטן אין די בערג, אבער איך גלויב עס ניט. איך האב פאַרבראַכט דריי נעכט אין די בערג זוכנדיג זיי אומעטום, איך האב זיי ניט געפונען, צום סוף האב איך זיי גערופן נאָך די נעמען, אבער זיי האבן זיך ניט באוויזן, איך רעכן, אַז זיי זיינען געשטארבן.

1-טער קריגסמאַן: די יהודים דינען צו אַ גאט, וועלכן מען קאן ניט זען.

קאַפּאַדאציענער: איך קאן עס ניט פאַרשטיין.

1-טער קריגסמאַן: און בכלל גלויבן זיי נאר אין דאס, וואס מען קאן ניט זען:

קאַפּאַדאציענער: מיר קומט עס אויס אינגאַנצן לעכערלאַך.

יוחנן: (פון בעך) נאך מיר וועט קומען אַ אַנדערער, א שטאַרקערער פון מיר, איך בין ניט זוכה אפילו פאַרנאַנדערצובינדן די רימענס פון זיינע סאַנדאַליען. ווען ער וועט קומען וועט זיך דער מדבר דערפרעהען ער וועט זיך צעבליען ווי א ליליע. די אויגן פון די בלינדע וועלן דערזען ליכט, און עס וועלן זיך עפענען די אויערן פון די טויבע. אַ ניי־געבארענער וועט לייגן זיין האַנט אויפן רוה־ארט פון פייער־שלאַנגן און וועט פירן לייבן פאַר די גריוועס זייערע.

2-טער קריגסמאַן: נייט אים שווייגן, ער רעדט שטענדיק נאַרישקייטן.

1-טער קריגסמאַן: ניין, דאס איז א הייליגער מענש, אויסער דעם איז ער זעער אַ גוטער, יעדן טאג טראג איך אים עסן, ער באַדאַנקט מיר תמיד.

קאַפּאַדאַציענער: ווער איז דאס?

1-טער קריגסמאַן: דאס איז אַ נביא.

קאַפּאַדאציענער: ווי רופט מען אים?

1-טערקריגסמאַן: יוחנן.

קאַפּאַדאציענער: פון וואנען איז ער?

1-טער קריגסמאַן: פון מדבר, וואו ער האט זיך מפרנס געווען מיט היישעריקן און ווילדן האניג. אויף אים איז געווען אַ קליידונג פון קעמל־וואל, און אויף די לענדן האט ער געטראגן אַ גורט פון פעל, זיין אויסזען איז געווען זעער ווילד, אַ גרויסער המון איז אים נאכגעגאַנגן, ער האט געהאַט אַפילו תלמידים.

קאַפּאַדאציענער: וועגן וואס רעדט ער?

1-טער קריגסמאַן: מיר ווייסן קיינמאל ניט. אפטמאל רעדט ער שרעקליכע זאַכן, נאר ס׳איז אוממעגליך אים צו פאַרשטיין.

קאפּאַדאציענער: מען קען אים זען?

1-טער קריגסמאַן: ניין דער טעטראַרך ערלויבט ניט

סיריער: די בת־מלכה האט פאַרבאַהאַלטן דעם פנים אירן פאַרן פאָכער. אירע קליינע ווייסע הענט באַוועגן זיך ווי טייבעלאַך, וואס פליהען אַוועק אין זייערע טויב־נעסטן, זיי זיינען ענלאַך צו ווייסע שמעטערלינגן, זיי זיינען גאר, ווי ווייסע שמעטערלינגן.

הורדיה׳ס פּאַזש: אבער וואס איז אייך דערצו, צו וואס קוקן אויף איר, מען דאַרף ניט קוקן אויף איר. עס קען זיך טרעפן א אומגליק.

קאַפּאַדאציענער: (באַווייזנדיג אויפן בעך) ס׳ער אַ מאדנע תפיסה!

2-טער שריגסמאַן: דאס איז אַ אַלטער מקוה.

קאַפּאַדאציאנער: אַ אַלטער מקוה, דאס מוז זיין זעער שעדלאַך?

2-טער קריגסמאַן: ניין. אט, צום ביישפּיל, דער ברודער פון טעטראַרך, זיין עלטערער ברודער, די מלכה הורדיה׳ס ערשטער מאַן איז געווען פאַרזעצט דארט גאַנצע צוועלף יאר און ער איז ניט געשטארבן פון דעם. צום סוף איז נאך אויסגעקומען דערשטיקן אים.

קאַפּאַדאַציענער: דערשטיקן אים, ווער זשע האט געוואָגט דאס צו טאָן?

2-טער קריגסמאַן: (באַווייזנדיג אויפֿן תּליון, אַ גרויסן נעגער) אָט דער, נעמון.

קאַפּאַדאַציענער: און ער האט ניט מורא געהאַט?

2-טער קריגסמאַן: ניין, דער טעטראַרך האט אים געשיקט דאס רינג.

קאַפּאַדאַציענער: וואס פֿאַר אַ רינג?

2-טער קריגסמאַן: דאס רינג פֿון טויט, און דערום האט ער זיך ניט געשראָקן.

קאַפּאַדאַציענער: פֿון דעסטוועגן איז שרעקלאַך דערשטיקן אַ מלך.

1-טער קריגסמאַן: פֿאַרוואס? ביי די מלכים איז אויך אַזאַ האַלז ווי ביי אַנדערע מענשן.

קאַפּאַדאַציענער: מיר דאַכט זיך — דאס איז שרעקלאַך.

סיריער: די בת-מלכה שטעהט אויף, זי גייט אַרויס פֿון טיש, ביי איר איז זעהר אַ לאַנגווייליגער אויסזען. אָ! זי גייט אַהער, יע, זי גייט צו אונז. ווי זי איז בלייך, איך האב קיינמאל ניט געזען זי אַזאַ בלייכע.

הורדיה'ס פאַזש: ניט קוקט אויף איר, איך בעט אייך, ניט קוקט אויף איר.

סיריער: זי איז ווי אַ טויב, וועלכע האט זיך פֿאַרבלאָנדזשעט, זי איז ווי אַ נאַרציס, וואס געבויגן פֿון ווינט איז... זי איז ענלאַך צו אַ זילבערנעם בלום.

(עס גייט אַריין שלומית).

שלומית: איך וועל ניט פֿאַרבלייבן דארט. איך קען דארט ניט פאַרבלייבן. פֿאַרוואס קוקט דער טעטראַרך אַלץ אויף מיר מיט זיינע אויגן פֿון אַ מוילוואָרף, פֿון אונטער די ציטריגע ווען? ס'איז זעהר מאדנע וואס דער מאַן פֿון מיין מוטער קוקט אויף מיר אַזוי. איך ווייס ניט, וואס זאל דאס באַדייטן... איבעריגענס, יע איך ווייס דאס.

סיריער: איר זייט אַוועק פֿון מאלצייט, בת-מלכה?

שלומית: ווי די לופֿט איז דא פֿריש! דא צום סוף קאן מען אטעמען. דארט, אינווייניק — די יהודים פון ירושלים, וועלכע רייסן זיך איבער זייערע נאַרישע מנהגים; און די באַרבאַרן, וועלכע טרינקן אַלץ און פֿאַרגיסן ווייַן אויף די פֿליטן פֿון דיל; און די גריכן פֿון סמירנע מיט אונטערגעפֿירטע אויגן און אנגעפֿאַרבענע באַקן און אין רינג פֿאַרפֿלעכטע האר; און די מצרים, די שווייגעדיגע און לוסטיגע, מיט נעגל פֿון נעפֿריט און ברוינע מאַנטלען; און די רוימער מיט זייער גראבקייט, שווערקייטן און זידלערייען. אָ, ווי איך האב פֿיינט די רוימער! דאס זיינען גראבע מענשן און האַלטן זיך פֿאַר די פֿארנעמסטע לייט.

סיריער: אפֿשר ווילט איר זיך זעצן, בת-מלכה?

הורדיה'ס פאַזש: צו וואָס ריידן מיט איר, צו וואס קוקן אויף איר. אָ, ס'וועט זיך טרעפֿן אַ אומגליק.

שלומית: ווי ס'איז אַנגענעם צו זען די לבנה! זי איז ענלאך צו אַ קליינע מטבע, מען קאן מיינען דאָט איז גאָר אַ קליינינקער זילבערנער בלום. זי איז קאַלט און צניעות'דיג די לבנה. איך בין אַיינגעגלויבט, אַז זי איז מיידלש-ריין. ביי איר איז די שענקייט פֿון אַ יונגפֿרוי. זי איז אַ יונגפֿרוי, זי האט קיינמאל ניט באַשמוצט זיך. זי האָט זיך קיינמאל ניט אפגעגעבן מאַנסביַלן ווי אַנדערע געטינס.

יוחנן'ס שטים: ער איז געקומען דער האַר, ער איז געקומען דער מענשן-זון, די צענטאַווערן האָבן זיך פֿאַרבאַהאַלטן אין די טייכן, און די סירענען האָבן פֿאַרלאָזן די טייכן און באַהאַלטן זיך צווישן די בלעטער אין וואַלד!

שלומית: ווער האט אויסגעשריען דאָס?

2-טער קריגסמאַן: דער נביא, בת-מלכה.

שלומית: אַ, דער נביא, דער פֿאַר וועלכן עס האָט מורא דער טעטראַרך?

2-טער קריגסמאַן: מיר ווייסן גארנישט פֿון דעם, בת-מלכה. דאָט איז יוחנן הנביא.

סיריער: איר ווילט איך זאל הייסן דערלאַנגן אייערע טראַג-בעטלאַך, בת-מלכה? ס'איז זעהר גוט אין גאָרטן.

שלומית: ער רעדט שרעקליכע זאַכן וועגן מיין מוטער. ניט וואר?

2-טער קריגסמאַן: מיר פֿאַרשטייען קיינמאל ניט וואס ער רעדט, בת-מלכה.

שלומית: יע, ער רעדט שרעקליכע זאַכן וועגן איר

שקלאַף: בת-מלכה, דער טעטראַרך בעט אייך זיך אומקערן אויפֿן מאלצייט

שלומית: איך וועל זיך ניט אומקערן אַהין.

סיריער: אַנטשולדיגט, בת-מלכה, אבער אויב איר וועט זיך ניט אומקערן קאָן זיך טרעפֿן אַ אומגליק.

שלומית: ער איז אַ זקן, דער נביא?

סיריער: בת-מלכה, בעסער אומצוקערן זיך. ערלויבט מיר באַגלייטן אייך.

שלומית: דער נביא איז אַ זקן?

1-טער קריגסמאַן: ניין, בת-מלכה, דאס איז נאָך גאָר אַ יונגער בחור.

2-טער קריגסמאַן: קיינער ווייס ניט. אַנדערע זאגן, אַז דאָס איז אליהו.

שלומית: ווער איז דאָס אליהו?

2-טער קריגסמאַן: זעער אַ אוראַלטער נביא פֿון דעם לאַנד, בת-מלכה.

שקלאַף: וואָס פֿאַר אַ ענטפֿער זאָל איך איבערגעבן דעם טעטראַרך פון בת-מלכה'ס נאמען?

יוחנן'ס שטים: ניט פֿרעה זיך ארץ-ישראל, וואָס די בייטש פֿון דעם, ווער ס'האט געשמיסן דיר איז צובראָכן: ווייל פֿון שלאַנג וועט אַרויסקומען אַ עקדעש און דאָס וואָס פֿון. אים וועט געבאָרן ווערט אַיינשלינגן די פֿויגל!

שלומית: ס'ער אַ מאדנער קול, איך וואָלט וועלן ריידן מיט אים.

1-טער קריגסמאַן: איך האָב מורא, אַז דאס איז אומעגלאַך, בת מלכה, דער טעטראַרך וויל ניט מען זאָל מיט אים ריידן. ער האָט פאַרוועריט אַפילו דעם כהן גדול ריידן מיט אים.

שלומית: איך וויל ריידן מיט אים.

1-טער קריגסמאַן: דאס איז אומעגלאַך, בת-מלכה.

שלומית: איך וויל עס.

יונגער סיריער: באמת, בת-מלכה, בעסער אומקערן זיך אויפן מאָלצייט.

שלומית: פירט אַרויס דעם נביא.

1-טער קריגסמאַן: מיר וואַגן ניט, בת-מלכה.

שלומית: (צוגייענדיג צום בעך און אַריינקוקנדיג אין אים) ווי דארט איז פינסטער! ס'מוז זיין שרעקלאַך צו זיצן אין אַזאַ לאך! דאס איז ענלאַך צו אַ קבר (די קריגסלייט) איר האָט ניט געהערט? פירט אַרויס אים. איך וויל אים זען.

2-טער קריגסמאַן: איך בעט אַייך, בת-מלכה, ניט פאָדערט פון אונז דאָס.

שלומית: איר צווינגט מיר וואַרטן?!

1-טער קריגסמאַן: אונזערע לעבנס געהערן אַייך, נאָר מיר קאָנען ניט ערפילן דאָס, וואָס איר פאָדערט פון אונז... צום סוף ניט צו אונז דאַרפט איר זיך ווענדן.

שלומית: (קוקנדיג אויפן יונגן סיריער) אַ!

הורדיה'ס פאַזש: אָ! וואָס ס'וועט זיך איצט טרעפן! איך בין איינגעגלויבט, אַז עס וועט זיך טרעפן אַ אומגליק.

שלומית: (דערנענטערנדיג זיך צום יונגן סיריער) איר וועט דאָס טאָן פאַר מיר ניט אמת, נאָראַבאט, איר וועט דאס טאָן פאַר מיר. איך בין שטענדיק געווען צוגעלאזט צו אייך, ניט אמת. איר וועט דאָס טאָן פאַר מיר. איך וויל נאָר א קוק טאן אויף אים, אויף דעם מאָדנעם נביא. וועגן אים האָט מען אַזוי פיל גערעדט, איך האָב אזוי אָפט געהערט ווי דער טעטראַרך האָט וועגן אים גערעדט. מיר דאַכט זיך ער האט מורא פאר אים. דער טעטראַרך, איך בין איינגעגלויבט אַז ער האָט מורא פאַר אים, ס'קען זיין איר אויך נאַראַבאַט, סקען זיין איר האָט אויך מורא פאַר אים?

סיריער: איך האָב ניט מורא פאַר אים, בת מלכה, איך האָב פאַר קיינעם ניט קיין מורא, נאָר דער טעטראַרך האט שטריינג פאַרווערט אויפצוהייבן דעם דעקל פון דעם ברונען.

שלומית: איר וועט דאָס טאָן פאַר מיר, נאָראַבאט, און מאָרגן ווען מען וועט מיר דורכטראָגן אויף די טראָג-בעטלאך דורך די טויערן, וואו די געצן פאַרקויפער, וועל איך לאזן פאַר אייך אַ קליינינקן בלום אַ קליינינקן גרינינקן בלום.

סיריער: בת מלכה, איך קאן ניט, איך קאָן ניט.

שלומית: (שמייכלענדיג) איר וועט דאס טאָן פאַר מיר, נאַראבאָט, איר ווייסט אַז איר וועט דאָס טאָן פאר מיר און מאַכן, ווען מען וועט מיר דורכ-

טראָגן אין די טראָג-בעטלאך איבערן בריק וואו די געצן קויפער וועל איך אַ קוק טאָן אויף אייך דורכן טיולענעם דעקטוך, איך וועל אַ קוק טאן אויף אייך, נאַראַבאט, איך וועל, מעגלאַך, א שמייכל טאָן, צו אייך. גיט אַ קוק אויף מיר, נאראַבאַט, גיט א קוק אויף מיר. אָ! איר ווייסט גוט אַז איר וועט טאָן דאַס וואָס איך בעט אייך, איר ווייסט דאס גוט, ניט אמת? איך, איך ווייס דאָס גוט.

סיריער: (געבנדיג אַ צייכן דעם 3-טן קריגסמאַן) פירט אַרויס דעם נביא, די בת-מלכה שלומית וויל אים זען.

שלומית: אַ!

הורדיהס פאָזש: אַ! סער'אַ מאָדנער אויסזען באַ דער לבנה! מען קאן מיינען דאָס איז אַ האַנט פון אַ טויטע, וועלכע וויל זיך פאַרדעקן מיט אַ סייבע.

סיריער: זעער אַ מאדנער אויסזען ביי איר. מען קאָן מיינען דאָס איז אַ קליינע בת-מלכה מיט אויגן פון בורשטין, דורך די וואלקענס פון טיול שמייכלט זי, ווי אַ יונגע בת-מלכה.

(דער נביא גייט אַרויס פון ציסטערנע שלומית קוקט אויף אים און טרעט אָפּ)

אתנן: וואו איז דער וועמענס בעכער פון זינד איז שוין איבערפולט, וואו איז דער וואָס וועט אַמאָל אין זילבערנע קליידער שטאַרבן פאַר די אויגן פון גאַנצן פאָלק. זאָגט אים ער זאָל קומען כדי ער זאָל קאָנען דערהערן דעם קול פון דעם, וואָס האָט גערופן אין די מדבריות און אין די פאַלאַצן פון מלכים!

שלומית: וועגן וועמען רעדט ער?

סיריער: קיינער ווייס קיין מאָל ניט, בת-מלכה.

יוחנן: וואו איז די, וואָס דערזעענדיק מענער אנגעמאָלטע אויפן וואַנט, די פנימער פון כאַלדעער געצייכנט מיט פאַרב, האט געלאזט פאַרפירן זיך דעם באגער פון אירע אויגן און האָט געשיקט שלוחים קיין כאַלדעיע?!

שלומית: דאָס רעדט ער וועגן מיין מוטער.

יוחנן: וואו איז די, וועלכע ספלעגט זיך אָפּגעבן די קריגספירער און די סיריער, וועלכע ס'טראגן איבערבאַנדן אויף די לענדן און אויף די קעפּ קרוינען פון אַלערליי קאָלירן? וואו איז די, וואָס פלעגט זיך אָפּגעבן די בחורים, וועלכע זיינען אָנגעקליידט אין ליין און פורפור, וועלכע טראָגן גאָלדערנע שילדן און זילבערנע פאַנצערס און וועלכע זיינען געוויקסיג מיטן קערפּער? זאָגט איר, אַז זי זאָל אויפשטיין פון געלעגער פון אירע פּרעכטיקייטן, פון איר געלעגער פון איר בלוט-צומישונג, כדי זי זאָל קאָנען דערהערן די ווערטער פון דעם, וואָס מאַכט גרייט די וועג פון גאט, כדי זי זאָל חרטה האָבן אויף די זינד אירע און אויב זי וועט קיינמאָל ניט חרטה האבן און וועט פאַרבלייבן אין די אומריינקייט אירע טא זאגט איר זי

זאָל קומען. ווייל גאט האלט שוין די בייטש אין דער האַנט זיינער!

שולמית: אָבער ער איז שרעקליך. ער איז שרעקליך.

סיויער: ניט פֿארבלייבט דאָ בת - מלכּה, איך בעט אייך.

שלומיח: גאר די שרעקליכסטע דאָס זיינען די אויגן מען קאן מיינען דאס זיי-
נען שווארצע לעכער דורכגעברענטע מיט אַ שטורקאַ ץ אויף אַ
טעפיך צור, מען קאן מייגען, דאס זייגען שווארצע היילן וואו
ס'וויינען פֿייער שלאַנגען, די שוואַרצע היילן פון מצרים וואו פֿיי-
ער- שלאַנגען געפֿינען זיך אַ באַהעלטענעש. מען קאָן מיינען דאס
זיינען שוואַרצע ימים אויפֿגערודערטע פֿון פֿאנטאַסטישע לבנות...
איר מיינט ער וועט נאך רעדן?

סיריער: ניט פֿארבלייבט דאָ, בת-מלכּה, כּבעט אייך ניט פֿארבלייבט דא.

שלומית: און ווי ער איז דאַר, ער איז ענלאך צו אַ איידעלע שניצ-ווערק פֿון
העלפֿאַנד ביין. מען קאן מיינען, דאָס איז אַ שניצ-ווערק פֿון זיל-
בער איך בין אַיינגעגלויבט אַז ער איז צניעותדיק. אַקוראַט
אַזוי ווי די לבנה. ער איז ענלאַך צו אַ זילבערנעם שטראַל. זיין
לייב מוז זיין זעער אַ קאַלטע ווי העלפֿאַנד ביין. איך וויל אַ קוק
טאן אויף אים פֿון דער נאנט.

סיריער: ניין, ניין, בת-מלכּה!

שלומית: איך דאַרף אַ קוק טאָן אויף אים פֿון דער נאנט.

סיריער: בת-מלכּה! בת-מלכּה!

יוחנן: ווער איז די אשה, וואס קוקט אויף מיר? איך וויל ניט זי זאל קוקן
אויף מיר. פֿאַרוואס קוקט זי אויף מיר מיט אירע גאָלדענע אויגן
פֿון אונטער די גאלדענע ווען? איך ווייס ניט ווער זי איז. איך
וויל דאס ניט וויסן. זאגט איר זי זאל אַוועקגיין, ניט מיט איר
וויל איך ריידן!

שלומית: איך בין שלומית, די טאכטער פֿון הורדיה, די בת-מלכּה פֿון יהודה.

יוחנן: אַוועק, טאכטער פֿון בבל, ניט דערנענטערט זיך צום אויסגעווייַלטן פֿון
גאט. די מוטער דיינע האט אנגעפֿילט די ערד מיט דעם ווין פֿון
איר זנות, און דער געשריי פֿון די זינד אירע האט דערגרייכט
גאט'ס אויערן!

שלומית: רעד נאך, יוחנן, דיין קול פֿאַרשכּורט מיר.

סיריער: בת - מלכּה! בת - מלכּה! בת - מלכּה!

שלומית: א רעד נאך, רעד נאך, יוחנן, און זאָג מיר וואָס באַדאַרף איך טאָן.

יוחנן: ניט דערנענטערט זיך צו מיר טאכטער פֿון סדום, נאָר פֿאַרדעקט מיטן
דעקטוך דעם פּנים אַייערן, באַשיט די קאפּ אַייערע מיט אש און
גייט אין דעם מדבּר זוכן דעם מענשן-זון.

שלומית: ווער איז דאס דער מענשן - זון. ער איז אויך אַזוי שיין, ווי דו, יוחנן?

יוחנן: אַוועק, אַוועק. איך הער אין פּאַלאַץ א פֿלאַטערן פון פֿליגלען פֿון מאך
המות.

סיריער: בת - מלכּה, איך בעט אייך קערט זיך אום.

יוחנן: גאָטס שליח, וואס כוסטו דאָ מיטן שווערד דיינעם, וועמען זוכסטו ?
אין אַ אומריינעם פּאַלאץ? דער טאג פֿון דעם, ווער סוועט שטאַרבן
אין א זילבערנע קליידונג, איז נאך ניט געקומען!

שלומית: יוחנן!

יוחנן: ווער רעדט?

שלומית: יוחנן, איך בין פֿאַרליבט אין דיין לייב, דיין לייב איז ווייס ווי אַ
ליליע פֿון טאָל, וועלכן אַ שניטער האָט נאָך קיינמאָל ניט גע-
שניטן. דיין לייב איז ווייס ווי די שנייען, וואָס ליגן אויף די
בערג, ווי די שנייען, וואָס ליגן אויף די בערג פֿון יהודה און וואָס
נידערן ניט אַראָפּ אין די טאלן. די רויזן אין גאָרטן פֿון דער אַראַ-
ווישער מלכּה זיינען ניט אַזוי ווייס ווי דיין לייב. ניט די רויזן
אין גאָרטן פֿון דער אַראַווישער מלכּה, ניט די שפּורן פֿון מאָרגן
רויט וואָס לויפֿן דורך איבער די בלעטער, ניט די ברוסט פֿון דער
לבנה ווען זי רוט אויפֿן בוזים פֿון ים... ניטאָ גאָרנישט אויף
דער וועלט, וואס ס'זאל זיין אַזוי ווייס ווי דאָס לייב דיינע... לאז
זיך מיר צורירן צו דאָס לייב דיינע.

יוחנן: אַוועק טאכטער פֿון בבל! דורך דער פֿרוי איז געקומען די שלעכט
אויף דער וועלט. ניט רעדט מיט מיר, איך וויל דיר ניט הערן,
איך הער זיך נאָר איין צו די ווערטער פֿון גאט.

שלומית: דיין לייב איז עקלהאַפֿט! זי איז ווי אַ לייב פֿון אַ געקרעציגטן,
איז ווי א אויסגעווייסטע וואַנט, איבער וועלכע ס'האָבן דורכגע
פּויזעט עקדעשן, ווי אַ אויסגעווייסטע וואַנט, אויף וועלכע ס'האַבן
זיך אויסגעבויט אַ נעסט סקאָרפּיאָנען, זי איז ווי אַ אויסגעווייסטער
קבר אנגעפֿילט מיט מיאוסע זאַכן. זי איז שרעקלאַך, זי איז
שרעקלאַך, דיין לייב. איך בין אין דיינע האר פֿאַרליבט, יוחנן!
דיינע האָר זיינען ענלאַך צו בינט ווייַנטרויבן, צו בינט שוואַרצע
וויינטרויבן, וואס הייגגן אַראָפּ פֿון אדמ'ס וויינשטאָקן אין לאַנד
פֿון די אַדומים. דיינע האָר זיינען ווי צעדערן פֿון לבנון, ווי
גרויסע צעדערן פֿון לבנון, וואס שיינקן אַ שאָטן לייבן און גזלנים,
וועלכע ווילן בייטאָג זיך באַהאַלטן. לאַנגע שוואַרצע נעכט,
ווען עס באַווייזט זיך ניט די לבנה, ווען עס שרעקן זיך די
שטערן — זיינען ניט אַזוי שוואַרץ. דער שווייגן וואָס הערשט אין
די וועלדער איז ניט אַזוי שוואַרץ. ניטא גארנישט אויף דער וועלט
וואס זאָל זיין אַזוי שוואַרץ ווי דיינע האר... לאָז מיר זיך צורירן
צו די האָר דיינע.

יוחנן: אַוועק, טאָכטער פֿון סדום! ניט ריר זיך צו צו מיר. מען טאָר ניט באַ-
שמוצן דעם מקדש פֿון גאָט.

שלומית: דיינע האר זיינען שרעקלאַך! זיי זיינען באַדעקט מיט שמוץ און
שטויב, זיי זיינען ווי אַ דערנער-קראַנץ, אַרויפֿגעלייגט אויף דיין
שטערן, זיי זיינען ווי אַ קנויל שוואַרצע שלאַנגען, וואס דרייען

אַרום דיין האַלז. איך האָב ניט האָלט דיינע האָר. איך בין אין דיין מויל פאַרליבט, יוחנן. דיין מויל איז ווי אַ העל־רויטע איבער־באַנד אויף אַ טורם פון העלפאַנט־ביין, עס איז ווי אַ מילגרוים, וואָס איז צושניטן מיט אַ מעסער פון אַ העלפאַנט־ביין. די מילגרוים־בלומען, וואָס בליען אין די גערטנער פון צור, און וואָס זיינען רויטער פאַר רויזן, זיינען ניט אַזוי רויט. די רויטע געשרייען פון די טרומייטן, וואָס זאָגן אָן דעם אָנקומען פון די מלכים, און וואַרפן אַ אימה אויף די פיינט — זיינען ניט אַזוי רויט. דיין מויל איז רויטער פאַר די פיס פון די וואָס טרעטן וויין־טרויבן אין די טרעטערס. עס איז רויטער ווי די פיס פון טויבן, וואָס האַלטן זיך אויף אין די טעמפלען און וועלכע סע שפייזן די כהנים. עס איז רויטער ווי די פיס פון דעם, וואָס קערט זיך אום פון וואַלד וואו ער האָט דער׳הרג׳עט אַ לייב און דערזען די גאָלדענע טיגרען. דיין מויל איז ווי אַ צווייג קאַרעלן, וואָס פישער האָבן געפונען אין פינסטערניש פון ים און האָבן פאַרהאַלטן פאַר די מלכים. עס איז ווי צינויבער וואָס עס געפינען די מואבים אין די מעטאַל גרובן פון מואב און וועלכע עס נעמען צו בײַ זיי די מלכים. עס איז ווי אַ בויגן פון פערסישן מלך, אַ פונאַנדער־געשריבענער מיט ציניבער און מיט קאַרעלענע שפיצן. ניטאָ גאָרניש אין דער וועלט, וואָס ס׳זאָל זיין נאָך אַזוי רויט ווי דאָס מויל דיינע. לאָז מיר אַ קוש טאָן דיין מויל.

יוחנן: קיין מאָל ניט, טאָכטער פון סדום, קיין מאָל ניט!

שלומית: איך וועל אַ קוש טאָן דיין מויל, יוחנן, איך וועל אַ קוש טאָן דיין מויל!

סיריער: בת־מלכה, בת־מלכה, דו וואָס ד׳ביסט ווי אַ מירטן־בינטל, דו וואָס ד׳ביסט אַ טויב פון טויבן. ניט קוק אויף דעם מענשן, ניט קוק אויף אים׳ ניט זאָג אים אַזעלכע זאַכן. איך קען זיי ניט פאַרטראָגן... בת־מלכה, בת־מלכה, ניט רייד אַזעלכע זאַכן!

שלומית: איך וועל אַ קוש טאָן דיין מויל, יוחנן.

סיריער: אַ! (ער דער׳הרג׳עט זיך און פאַלט צווישן שלומית און יוחנן)

הורדיה׳ס פאַזש: דער יונגער סיריער האָט זיך דער׳הרג׳עט! דער יונגער הויפּטמאַן האָט זיך דער׳הרג׳עט! עס האָט זיך דער׳הרג׳עט דער, וואָס ס׳איז געווען מיין חבר! איך האָב אים געשאָנקן אַ קליינע קעסטעלע מיט בשמים און אויערינגלאַך פון זילבער און איצט האָט ער זיך דער׳הרג׳עט! אַך, צו האָב איך ניט פאָראויסגעזאָגט, אַז ס׳וועט זיך טרעפן אַ אומגליק? איך האָב דאָס אַליין פאָראויסגעזאָגט און אט האָט דאָס געטראָפן! איך האָב געוואוסט, אַז די לבנה האָט געזוכט אַ טויטן, נאָר איך האָב ניט געוואוסט, אַז זי האָט אים געזוכט. אַך! פאַרוואָס האָב איך אים ניט באַהאַלטן פון דער לבנה. אויב איך וואָלט אים באַהאַלטן ערגעץ וואו אין אַ

הייל וואָלט זי ניט דערזען אים.

1־טער קריגסמאַן: בת־מלכה, דער יונגער הויפּטמאַן האָט נאָר וואָס זיך דער־הרג׳עט.

שלומית: לאָז מיר אַ קוש טאָן דיין מויל, יוחנן.

יוחנן: צו דען איז אייך ניט שרעקלאַך, טאָכטער פון הורדיה? האָב איך דען אייך ניט געזאָגט, אַז כ׳האָב געהערט אין פּאַלאַץ אַ פלאַטערן פון פליגל פון מלאך־המות, און צו איז דען ניט געקומען דער מלאך?

שלומית: לאָז מיר אַ קוש טאָן דיין מויל.

יוחנן: טאָכטער פון זנות, ס׳איז דאָ נאָר איין מענש וועלכער קאָן ראַטעווען דיר, דאָס איז דער, וועגן וועלכן איך האָב געזאָגט דיר. גיי זוכט אים, ער איז אין אַ שיפל אויפן ים כנרת און רעדט צו זיינע תלמידים. שטעלט זיך אויף די קני אויפן ברעג ים און טוט רופן אים מיטן נאָמען. ווען ער וועט קומען צו אייך, ווייל ער קומט צו אַלעמען וואָס רופן אים, שפרייט זיך אויס בײַ די פיס זיינע און בעט בײַ אים מחילה אויף די זינד אייערע..

שלומית: לאָז אַ קוש טאָן דיין מויל.

יוחנן: זייט פאַרשאָלטן, טאָכטער פון אַ מוטער־אַ בלוט־צומישערן, זייט פאַרשאָלטן!

שלומית: איך וועל אַ קוש טאָן דיין מויל, יוחנן.

יוחנן: איך וויל ניט קוקן אויף דיר. איך וועל ניט קוקן אויף דיר. דו ביסט פאַרשאָלטן, שלומית, דו ביסט פאַרשאָלטן! (ער לאָזט זיך אַראָפּ אין ציסטערנע).

שלומית: איך וועל אַ קוש טאָן דיין מויל, יוחנן.. איך וועל אַ קוש טאָן דיין מויל.

1־טער קריגסמאַן: מען דאַרף אַריבערטראָגן דעם טויטן קערפער אין אַ אַנדער אָרט. דער טעטראַרך האָט ניט ליב צו קוקן אויף טויטע קערפערס אויסער די קערפערס פון די, וועלכע ער אַליין האָט דער׳הרג׳עט.

הורדיה׳ס פאַזש: ער איז געווען מיר אַ ברודער און נענטער פון אַ ברודער. איך האָב געשאָנקן אים אַ קליינע קעסטעלע אין וועלכע ס׳זיינען געווען בשמים און אַ רינג פון אַ גאָט, וועלכן ער פלעגט שטענדיג טראָגן אויפן האַנט. אָוונט צייט פלעגן מיר שפּאַצירן בײַם ברעג פון טייך און אונטער די מאַנדל־בוימער, און ער פלעגט מיר דערציילן פון זיין היימאַט. ער פלעגט שטענדיג ריידן זייער שטיל. דער קלאַנג פון זיין שטים איז געווען ענלאַך צו אַ פלייטן־קלאַנג פון איינעם פון די, וואָס עס שפּילן אויף פלייטן. ער האָט אויך זייער ליב געהאַט צו קוקן זיך אין טייך. איך פלעג מאַכן אים פאָרוואורפן פאַר דעם.

2־טער קריגסמאַן: איר, זייט גערעכט. מען דאַרף באַהאַלטן דעם קערפער. מען דאַרף ניט דער טעטראַרך זאָל אים זען.

1־טער קריגסמאַן: דער טעטראַרך וועט ניט קומען אַהער. ער קומט קיין מאָל

ניט אויפֿן טעראַסע, ער האָט צופֿיל מורא פֿאַרן גביא.

(ס'גייען אַריין הורדות, הורדיה און דער גאַנצער הויף).

הורדות: וואו איז שלומית, וואו איז די בת־מלכּה, וואַרום האָט זי זיך ניט אומגעקערט אויפֿן מאָלצייט, ווי איך האָב באַפֿעלן איר? אַ! אָט איז זי.

הורדיה: מען דאַרף ניט קוקן אויף איר. איר קוקט די גאַנצע צייט אויף איר.

הורדות: זעער אַ מאָדנער אויסזען איז בא דער לבנה היינט אָוונט. ניט אמת? בא דער לבנה איז זעער אַ מאדנער אויסזען. זי איז ווי אַ היסטערישע פרוי, אַ היסטערישע פֿרוי וועלכע גייט און זוכט אומעטום ליבהאָבער. אויסער דעם איז זי אַ נאַקעטע, זי איז גאָר אַ נאַקעטע. די וואָלקענס פּרובן פֿארדעקן זי, נאר זי וויל נישט, זי וואַקלט זיך אַרום צווישן די וואלקנס, ווי אַ שיכּור'ע פֿרוי. איך בין אַײַנגעגלויבט, אַז זי זוכט ליבהאָבער, ניט אמת? זי וואַקלט זיך ארום ווי אַ שיכּור'ע פּרוי, זי איז ענלאַך צו אַ היסטערישע פרוי, ניט אמת?!

הורדיה: ניין, די לבנה איז ענלאַך צו דער לבנה און גאָר. לאָמיר זיך אומקערן... איר האט גארנישט וואס צו טאָן דא.

הורדות: איך וועל פֿארבלייבן! מנשה, בעט אויס דאָרט טעפּיכער, צינדט אן שטורקאַצן, ברײַנגט טישן פֿון העלפֿאַנד־ביין און טישן פֿון שהם שטיין. די לופֿט איז דאָ פּראַכטפֿול. איך וועל נאָך אויסטרינקען ווײַן מיט מײַנע געסט, די שלוחים פֿון קיסר דאַרפֿן אָפּגעבן ווערן אַלערליי כּבוד'ן.

הורדיה: ניט צוליב זיי בלייבט איר.

הורדות: יע, די לופֿט איז פּראַכטפֿול. גיי, הורדיה, אונזערע געסט וואַרטן אונז. אַך! איך האב זיך אַויסגעגליטשט! כ'האב זיך אויסגעגליטשט אין בלוט! דאָס איז אַ שלעכטער סימן, דאס איז זעער אַ שלעכטער סימן! פֿאַרוואָס איז דאַ בלוט?.. און דער טויטער קערפער? פֿאַרוואָס איז דאָ דער טויטער קערפּער? צו דען מיינט איר, אַז איך בין ווי דער עגיפּטישער מלך, וועלכער מאַכט ניט קיין איין מאָלצייט, וואו ער זאל ניט באווייזן קיין טויטן קערפּער זײַנע געסט. צום סוף, ווער איז דאָס, איך וויל אויף אים ניט קוקן!

1־טער קריגסמאַן: דאָס איז אונזער הויפּטמאַן, מיין האַר, דאס איז דער יונגער סיריער, וועלכן איר האָט געמאַכט פֿאַר אַ הויפּטמאַן אין גאנצן מיט דריי טעג צוריק.

הורדות: איך האב ניט געגעבן קיין באַפֿעל צו טויטן אים.

2־טער קריגסמאַן: ער האט אליין דער'הרג'עט זיך, מיין האַר.

הורדות: ווארום? איך האב דאָך אים געמאַכט פֿאַר אַ הויפּטמאַן.

2־טער קריגסמאַן: מיר ווייסן ניט, מיין האַר, נאָר ער האָט אַליין זיך דער'הרג'עט.

הורדות: מיר קומט דאָס אויס מאָדנע. איך האָב געמיינט, אַז נאָר די רוימישע פֿילאָסאָפֿן באַגעהען זעלבסמאָרד. ניט וואַר, טיגעלינוס, אין רוים די פֿילאָסאָפֿן באגעהן זעלבסטמאָרד?

טיגעלינוס: סיז פֿראַן אַזעלכע, וואָס באַגעהן זעלבסמאָרד, מיין האַר, דאָס זיינען די סטאָיקער, דאָס זיינען גראָבע מענשן, צום סוף זיינען דאָס לעכערלאַכע מענשן. איך האַלט זיי פֿאַר זעהר לעכערלאַך.

הורדות: אין אויך. סאיז לעכערלאַך צו באַגעהן זעלבסמאָרד.

טיגעלינוס: פֿון זיי לאַכט מען א סאך אין רוים. דער קיסר האָט פֿארפֿאסט א סאַטירע אויף זיי, איר ווידערהאלטמען אומעטום.

הורדות: א! ער האָט פֿארפֿאסט א סאַטירע אויף זיי! דער קיסר איז וואונדערבאר, ער קען אַלץ טאָן.... מאָדנע וואָס ער האָט דער'הרג'עט זיך. דער יונגער סיריער. מיר טוט באַנג אויף אים. יע מיר טוט זעהר באַנג אויף אים. ווייל ער איז געווען שען, ער איז געווען אפילו זייער שען. ביי אים זיינען געווען זעהר מאַטע אויגן. איך געדענק אַז איך האָב געזעהן אים קוקענדיג אויף שלומית מיט א מאַטן בליק. אייגענטלאַך האָב איך איינגעפֿונען אפילו אז ער האָט צופֿיל געקוקט אויף איר

הורדיה: סזיינען פֿראַן נאָך אנדערע, וועלכע קוקן צופֿיל אויף איר.

הורדות: זיין פֿאָטער איז געווען א מלך איך האָב אים פֿארטריבן פֿון זיין קיניגרייך. און די מוטער זיינע, וועלכע איז געווען א מלכה. האָט איר געמאַכט פֿאר שקלאַפֿין, הורדיה. און אזוי איז ער געווען דא ווי א גאַסט, און דערום האב איך אים געמאכט פֿאר א הויפּטמאַן. מיר טוט באַנג וואס ער איז געשטארבן.... אבער פֿארוואס האט איר געלאזן דא דעם קערפּער מען דארף אים צונעמען פֿון דאנען. איך וויל אים ניט זעהן, נעמט אום צו! (מ'נעמט צו דעם קערפּער) דא איז קאַלט, דא איז א ווינט, ניט וואַר, דא איז א ווינט?

הורדיה: ניין, דא איז גאר ניטא קיין ווינט.

הורדות: ניין, דא איז א ווינט.... און איך הער אין דער לופֿטן עפּעס ענלאַכעס צו א פֿלאטערן פֿון פֿליגל. צו א פֿלאַטערן פֿון ריזיגע פֿליגל איר הערט דאס ניט?

הורדיה: איך הער גארנישט.

הורדות: אויך איך הער דאס ניט איצט, נאר איך האב דאס געהערט, דאס

איז געווען א ווינט בלי ספק... איצט איז פארגאנגען, נאר ניין איך הער דאס ווידער! איר הערט זיי ניט? דאס איז גאר ווי א פלאטערן פון פליגל.

הורדיה: איך זאג אייך, סאיז גארנישט ניטא. איר זייט קראנק, לאמיר זיך אומקערן.

הורדות: איך בין ניט קראנק, דאס איז אייער טאכטער קראנק. ביי איר איז זעהר א קראנקער אויסזעהן, ביי אייער טאכטער. איך האב קיינמאל ניט געזעהן זי אזא בלייכע.

הורדיה: איך האב אייך געזאגט ניט קוקט אויף איר.

הורדות: גיסט אן ווײן! (מען ברייגנט ווײן) שלומית, געה צו און טרינק אויס א ביסל ווײן מיט מיר. ביי מיר איז פראן צויבערהאפטע ווײן. דער קיסר אליין האט מיר צוגעשיקט אים. ריר זיך צו צו אים מיט אייערע קליינע רויטע ליפן און דערנאך וועל איך אייסטרינקען דעם בעכער.

שלומית: איך וויל ניט טרינקען, טעטרארך.

הירדות: איר הערט ווי זי ענטפערט מיר, אייער טאכטער.

הורדיה: איך געפין איין, אז זי איז פאלקאם גערעכט. פאר וואס קוקט איר אלץ אויף איר?

הורדות: ברענגט פרוכט! (מען ברייגנט פרוכטן) שלומית, געהט צו און עסט מיט מיר פרוכט. איך האב זעהער ליב צו זעהן אויפן פרוכט די שפורן פון דיינע קליינע ציינער. בייס אפ גאר א קליינע שטיקל פון פרוכט און דערנאך וועל איך אויפעסן דאס, וואס עס וועט בלייבן.

שלומית: איך וויל ניט עסן, טעטרארך.

הורדות: אט ווי איר האט זי דערציגן, אייער טאכטער.

הורדיה: די טאכטער מיינע און איך, מיר שטאמען פון דער קייזערלאכער פאמיליע, וואס אנבעלאנגט צו דיר האט דיין זיידע געפיטערט קעמלן. אויסער דעם איז ער געווען א גזלן.

הורדות: דו ליגסט!

הורדיה: דו ווייסט גוט, אז דאס איז ריכטיק!

הורדות: שלומית, געה צו זעץ זיך לעבן מיר, איך וועל דיר אפטרעטן דעם קיניג פון שטול דיין מוטער.

שלומית: איך בין ניט מיד, טעטרארך.

הורדיה: איר זעט דאך שוין, וואס זי טראכט פון אייך:

הורדות: ברענגט!... וואס ווילט זיך מיר? איך ווייס ניט. אן! אן! איך האב זיך דערמאנט.

יחננ׳ס שטים: סאיז געקומען די צייט! דאס, וואס איך האב פארגעזאגט איז מקוים געווארן זאגט גאט. סאיז געקימען דער טאג פון וועלכן איך האב גערעדט!

הורדיה: צווינגט אים שווייגן! איך וויל ניט הערן זיין שטים דער מענש לעסטערט מיך שטענדיג!

הורדות: ער האט ניט געלעסטערט אייך, און דערצו נאך איז דאס א גרויסער נביא.

הורדיה: איך גלויב ניט אין נביאים. צו דען קאן א מענש פאראויסזאגן דאס, וואס דארף זיך טרעפן? קיינער ווייס דאס ניט. אויסער דעם באליידיקט ער מיר שטענדיק, נאר מיר דוכט זיך. איר האט מורא פאר אים. יע איך ווייס גוט, איר האט מורא פאר אים.

הורדות: איך האב ניט מורא פאר אים, איך האב פאר קיינעם, ניט מורא!

הירדיה: יע איר האט מורא פאר אים. אויב איר האט ניט מורא פאר אים טא פאר וואס ט׳איר אים ניט ארויסגעגעבן די יהודים וועלכע פאדערן אים ביי אייך שוין גאנצע זעקס חדשים?

יהודי: באמת, מיין האר, בעסער וואלט געווען ארויסגעבן אים צו אונז.

הורדות: גענוג פון דעם. איך האב אייך שוין געגעבן מיין תשובה איך וויל אים ניט ארויסגעבן צו אייך. דאס איז א מענש, וועלכער האט געזעהן גאט.

יהודי: דאס איז אומעגלאך. קיינער האט ניט געזעהן גאט צייט אליהו הנביא ער איז דער לעצטער, וואס האט געזעהן גאט. אין אונזערע צייטן באווייזט זיך ניט גאט. ער פארבארגט זיך און דערום זיינען אין לאנד גרויסע אומגליקן.

2־טער יהודי: צום סוף איז אימבאוואוסט נאך צו האט באמת אליהו הנביא געזעהן גאט, ריכטיגער גערעדט האט ער געזעהן דעם שאטן פון גאט.

3־טער יהודי: גאט פארבארגט זיך ניט, ער ווייזט זיך תמיד און אין אלץ. גאט איז אין שלעכטס אזוי ווי אין גוטס.

4־טער יהודי: מען טאָר דאָס ניט זאָגן! דאָס איז זעהר א געפערלאכער געדאנק, ער שטאַמט פון די אַלעקסאַנדרישע שולן וואו מען לערנט גריכישע פילאָזאָפיע און די גריכן זיינען געצן-דינער, זיי זיינען אפילו ניט באַשניטן.

5־טער יהודי: מען קאָן קיינמאָל ניט וויסן, ווי גאָט איז זיך נוהג. די וועגן זיינע זיינען אומבעוואוסט. סקאָן זיין, אַז דאָס וואָס מיר רופן שלעכטס איז גוט. און וואָס מיר רופן גוט איז שלעכט. מען קען גאָרנישט וויסן, מען דאַרף נאָר תמיד אונטערטעניג זיין. גאָט איז זעהר שטאַרק, ער טוידט איינצייטיג די שלאַפע, די שטאַרקע. פאר אים זיינען אַלע גלייך.

1-טער יהודי: דאָס איז אמת, גאָט איז שרעקלאַך, ער ברעכט די שטאַרקע און די שלאַפע ווי מען דרעשט זוימען, נאָר דער מענש האָט קיינמאָל ניט געזעהן גאָט. קיינער האָט ניט געזעהן גאָט זייט אליהו הנביא,

הורדיה: באַפעלט זיי שווייגן: זיי האָבן מיר דערלאַנגוויילט.

הורדות. אָבער איך האָב געהערט מען זאָגט, אז יוחנן איז טאַקע אייער נביא אליהו.

יהודי: דאָס איז אומעגלאַך, זייט אליהו-הנביא איז פארגאנגען מער ווי דריי-הונדערט יאָר.

הירדות: און אַנדערע באַשטעטיגן, אַז דאָס אליהו הנביא.

נוצרי: איך, איך בין איינגעגלויבט, אַז דאָס איז אליהו-הנביא.

יהודי: א ניין, דאָס איז ניט אליהו-הנביא.

יוחננס שטים: סאיז געקומען דער טאָג, גאָטס טאָג און איך הער אויף די בערג די טריט פון דעם וואָס וועט זיין דער וועלט ערלייזער!

הורדות: וואָס באַטייט דאָס? דער וועלט ערלייזער?

טיגעליניוס: דאָס איז איינער פון צעזאַרס ערע-נעמען.

הורדות: אָבער דער קיסר קלייבט זיך ניט אין יהודה? איך האָב באַקומען א בריוו פון רוים, מיר האָט מען וועגן דעם גאָרנישט ניט געשריבן. צום סוף, טיגעלינוס, זייט איר געוועזן ווינטער אין רוים איר האָט גאָרנישט וועגן דעם ניט געהערט?

טיגעלינוס: ניין, מיין האַר, איך האָב וועגן דעם גאָרנישט ניט געהערט. איך

ערקלער נאָר דעם ערע-נאָמען. דאָס איז איינע פון צעזאַרס ערע-נעמען.

הורדות: דער קיסר קאָן ניט קומען צופאָרן. ביי אים איז א פוס-קראַנקהייט, מען זאָגט, אז די פיס ביי אים זיינען ווי ביי א העלפאַנט, אויסער דעם זיינען דאָ פראַן מלוכה-חשבונות, וועה ס׳פארלאָזט רוים — פאַרלירט רוים, ער וועט ניט קומען צופאָרן. צום סוף איז דער קיסר א האַר. ער וועט קומען צופאָרן אויב ער וועט וועלן נאָר איך מיין ניט ער זאָל קומען צופאָרן.

1־טער נוצרי: ניט וועגן קיסר האָט גערעדט דער נביא, מיין האַר.

הורדות: ניט וועגן קיסר?

1־טער נוצרי: ניין מיין האַר.

הירדות: וועגן וועמען זשע האָט ער גערעדט?

1־טער ניצרי: וועגן משיח, וועלכער איז געקומען.

יהודי: משיח אַיז ניט געקומען!

1־טער נוצרי: ער אַיז געקימען און באַווייזט אימעטים נסים.

הורדיה: אָן! אָן! נסים, איך גלויב ניט אין נסים! איך האָב זיי געזעהן צופיל. (דעם פּאוש) מיין פאַכער!

1־טער ניצרי: דער מענש ווייזט, באמת, נסים. אזוי האָט ער אויף א חתונה, וואָס איז געווען אין א קליינע שטאָט אין גליל, א גאַנץ באַדייטענדע שטאָט, האָט ער פאַרוואַנדלט וואַסער אין וויין. מיר האָבן וועגן דעם דערצעהלט מענשן, וועלכע זיינען דאָרטן געווען. ער האָט אויך אויסגעהיילט, צוריהרענדיג זיך, צוויי געקרעציגטע, וואָס זיינען געזעסן ביי די טויערן פון קפר-נחום.

2־טער נוצרי: ניין, דאָס האָט ער צוויי בלינדע אויסגעהיילט אין קפר-נחים.

1־טער נוצרי: ניין, דאָס זיינען געווען געקרעציגטע, אָבער ער האָט אויסגעהיילט אויך בלינדע און אים האָט מען געזעהן אויף א באַרג, רעדענדיק מיט מלאָכים.

צדוקי: מלאָכים עקזיסטירן ניט!

פרוש, מלאָכים עקזיסטירן, נאָר איך גלויב ניט, אַז דער מענש זאָל האָבן גערעדט מיט זיי.

1-טער נוצרי: אַ גרויסער המון דורכגעהער האָט געזען, ווי ער האָט גערעדט מיט מלאכים.

צדוקי: ניט מיט מלאָכים!

הורדיה: ווי זיי ערגערן מיר, די מענשן, זיי זיינען נאַריש, זיי זיינען פאָלקאָס נאַריש. (דעם פּאַזש) נו און מיין פאָכער (דער פּאַזש דערלאַנגט איר דעם פאָכער) איר טרוימט, מען דאַרף ניט טרוימען. די טרוימערס זיינען קראַנקע! (זי גיט אַ פּאַטש דעם פּאַזש מיטן פאָכער)

2-טער נוצרי: נאָך אַ נס איז געשען מיט די טאָכטער פון יאָיר.

1-טער ניצרי: נו יע, דאָס איז בלי ספק, מען קאָן דאָס דאָס ניט אָפּלייקענען.

הורדיה: די מענשן זיינען פון זינען אַראָפּ. זיי האָבן צופיל געקוקט אויף דער לבנה! זאָגט זיי, זיי זאָלן אַנטשוויגן ווערן.

הירדות: וואָס איז דאָס אַזוינס פאַר אַ נס מיט די טאָכטער פון יאָיר?

1-טער נוצרי: די טאָכטער פון יאָיר איז געווען טויט ער האָט זי לעבעדיק געמאַכט.

הורדות: ער מאַכט לעבעדיק טויטע?

1-טער נוצרי: יע, מיין האַר, ער מאַכט לעבעדיק טויטע.

הורדות: איך וויל ניט ער זאָל דאָס טאָן איך פאַרווער אים דאָס צו טאָן איך ערלויב ניט צומאַכן לעבעדיק טויטע. מען דאַרף אויפזוכן דעם מענשן און זאָגן אים, אַז איך ערלויב ניט צומאַכן לעבעדיק טויטע. וואו איז ער איצט דער מענש?

2-טער נוצרי: ער איז אומעטום, מיין האַר, נאָר ס'איז זעהר שווער אויפצוזוכן אים.

1-טער מען זאָגט, אַז ער איז איצט אין שומרון.

1-טער יהודי: אָט זעהט זיך טאַקע, אַז דאָס איז ניט משיח, אויב ער איז אין שומרון. ניט צו די שומרונים וועט קומען משיח. די שומרונים זיינען פאַרשאָלטן, זיי ברייננען קיין מאָל ניט קיין קרבנות.

2-טער נוצרי: ער האָט פאַרלאָזן שומרון שוין מיט עטליכע טעג צוריק. איך מיין, אַז ער איז איצט אין דער סביבה פון ירושלים.

1-טער ניצרי: ניין, ער איז ניט דאָרטן. איך בין נאָר וואָס געקומען פון ירושלים. אט שוין צוויי חדשים האָט מען וועגן אים ניט געהערט.

הורדות: דאָס איז אַלץ איינס, נאָר מען דאַרף אים אויפזוכן און זאָגן אים פון מיינטוועגן, אַז איך ערלויב אים ניט צו מאַכן לעבעדיק טויטע. פאַרוואַנדלען וואַסער אין וויין, היילן בלינדע און געקרעציגטע.. דאָס אַלץ קאָן ער טאָן אייב ער וויל, איך האָב גאָרנישט וואָס צו זאָגן געגן דעם. איך געפין אפילו איין, אַז היילן געקרעציגטע איז אַ גוטע זאַך, נאָר איך ערלויב אים ניט מאַכן לעבעדיק טויטע... ס'וואָלט געווען שרעקליך ווען די טויטע וואָלטן זיך אומקערן

יוחננס שטים: אַ! זונה! אַ טאָכטער פון בבל! מיט גאָלדענע אויגן און באַגאָלטע ווייעהען אָט וואָס ס'זאָגט גאָט. לאָזט אַרויס אויף איר אַ המון מענשן זאָל דער פאָלק נעמען שטיינער אין שלאָגן איר מיט זיי!

הורדיה: הייסט אים שווייגן!

יוחננס שטים: זאָלן די קריגסלייט דורכשטעכן איר מיט ספיזן, זאָלן זיי דערשטיקן זי מיט זייערע שילדן!

הורדיה: דאָס איז נידערטרעכטיג!

יוחננס שטים: אַזוי וועל איך אויסוואָרצלען דאָס שלעכטס אויף דער וועלט און פרויען וועלן זיך לערנען ניט נאָכצוטאָן די מיאוסקייטן פון דער!

הורדיה: איר הערט, וואָס ער רעדט וועגן מיר? איר ערלויבט אים באַליידיקן אייער פרוי.

הורדות: אָבער ער האָט דאָך ניט אָנגערופן אייער נאָמען.

הורדיה: וואָס איז דערפון. איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָס האָט ער מיר געוואָלט באַליידיקן און איך בין אייער פרוי ניט וואַר?

הורדות: יע טייערע און ווירדיקע, הורדיה, איר זייט מיין פרוי און פריהער זייט איר געווען די פרוי פון מיין ברודער.

הורדיה: איר האָט מיר אַרויסגעריסן פון זיינע אָרעמס!

הורדות: יע, איך בין געווען שטאַרקער פון אים, נאָר לאָמיר וועגן דעם ניט רעדן, איך וויל וועגן דעם ניט רעדן. איבערדעם האָט דער נביא גערעדט שרעקלאכע ווערטער. סקאָן זיין איבער דעם וועט זיך טרעפן אַ אומגליק... לאָמיר וועגן דעם ניט רעדן... אַדעלע, הורדיה. מיר פאַרגעסן אָן אונזערע געסט. גיט מיר אָן וויין, מיין ליבענדע, פילט אָן מיט וויין די גרויסע קריג פון זילבער און די

גרויסע קריג פון גלאָז, איך וועל טרינקען פאַרן געזונט פון, קיסר.

אַלע: דער קיסר! דער קיסר!

הורדות: איר באַמערקט ניט ווי סאיז בלייך אייער טאָכטער?

הורדיה: וואָס איז אייך דערצו, צו זי איז בלייך צי ניט!

הורדות: כהאב קיינמאל ניט געזעהן זי אזא בלייכע.

הורדיה: מען דאַרף אויף איר ניט קוקן.

יוחנןס שטים: אין יענעם טאג וועט די זון שוואַרץ ווערן ווי אַ זאַק, און די לבנה וועט רויט ווערן ווי בלוט, און שטערן וועלן פאַלן אויף דער ערד, ווי ספאַלן גרינע פרוכט פון אַ פייגן בוים, און די מלאכים פון דער ערד וועט אַרומכאַפּן אַ שרעק!

הורדיה: אָ! אָ! איך וואָלט וועלן דערזעהן דעם טאָג וועגן וועלכן ער רעדט, ווען די לבנה וועט רויט ווערן ווי בלוט און ווען די שטערן וועלן פאַלן גלייך ווי גרינע פרוכט פון אַ פייגן בוים. דער נביא רעדט ווי אַ שיכור׳ער... איך קאָן ניט פאַרטראָגן דעם קלאַנג פון זיין שטים, איך קאָן ניט הערן זיין שטים. באַפעלט אים שווייגן!

הורדות: ניין, איך פאַרשטעה ניט וואָס ער רעדט, אָבער ס׳קאָן זיין, ער איז אַ נביא.

הורדיה: איך גלויב ניט אין נביאית, ער רעדט ווי אַ שיכורער.

הורדות; סקען זיין ער איז שיכור פון גאָטס ווייַן.

הורדיה: וואס איז דאס פאַר אַ ווייַן, דער ווייַן פון גאָט, פון וועלכע וויינ־גערטנער, אין וועלכע ווינטערטעפּס קאָנען קריגן אים?

הירדות: (ניט אראָפּנעמענדיק שוין מער זיין בליק פון שלומיתן) טיגעלינוס ווען דו ביסט געווען ניט לאַנג אין רוים, האט געזאגט דיר דער קיסר וועגן...?

טיגעלין: וועגן וואס מיין האַר?

הורדות; וועגן וואס? אז איך האב אייך וועגן עפּעס וואס געפרעגט, ניט וואַר? איך האב פאַרגעסן וואס מיר האט זיך געוואָלט דערוויסן.

הורדיה: איר קוקט נאָך אַלץ אויף מיין טאכטער. מען דאַרף אויף איר ניט קוקן. איך האב שוין דאס אייך געזאגט.

הורדות: נאר דאס רעדט איר.

הורדיה: איך ווידערהאל עס.

הורדות: און דער איפּשטעלן פון מקדש וועגן וועלכן מען האט דאָרט אַזוי פיל גערעדט. נו וואס איז, מען איז גרייט דאס צו טאָן? מען זאגט׳ ניט וואַר. אַז סאיז פאַרשוואונדען געוואָרן דער פּרוכת פון קדש קדשים?

הורדיה; די האסט אַליין אים צוגענומען. דו ווייסט אַליין ניט וועגן וואס דו רעדסט. איך וויל דאָ ניט פאַרבלייבן. לאָמיר זיך אומקערן.

הירדות: שלומית, טאַנץ פאַר מיר.

הירדיה: איך וויל ניט זי זאָל טאַנצן.

שלומית: מיר ווילט זיך גאָרניט טאַנצן, טעטראַרך.

הורדות: שלומית די טאָכטער פון הורדיה, טאַנצט פאַר מיר!

הירדיה: לאָזט זי צורוה.

הורדות; שלומית, איך באַפעל אייך טאַנצן!

שלומית: איך וועל ניט טאַנצן, טעטראַרך.

הורדיה: (לאַכענדיק) אָט ווי זי הערט אייך.

הורדות; וואָס איז מיר דערצו, וועט זי טאַנצן צו ניט. מיר איז אַלץ איינס. איך בין היינט גליקלאַך איך בין זעהר גליקלאַך. איך בין קיינמאָל ניט געווען אַזוי גליקלאַן!

1-טער קריגסמאַן: אַ טרויעריגער אויסזעהן ביים טעטראַרך, ניט וואַר? ביי אים איז אַ טרויעריגער אויסזעהן.

2-טער קריגסמאַן: ביי אים איז אַ טרויעריגער אויסזעהן.

הירדית: פאר וואָס זאָל איך ניט זיין גליקלאַך. דער קיסר, דער הערשער פון דער וועלט, דער הערשער פון אַלץ האָט מיר זעהר ליב. ער האָט מיר נאָר וואָס צוגעשיקט זעהר טייערע מתנות און ער האָט מיר נאָך צוגעזאָגט אָפּצורופן קיין רוים מיין פיינד, דעם קאַפּאַדאָציענשן מלך, סקען זיין, ער וועט אים קרייציגן אין רוים, דער קיסר קאָן טאָן אַלץ וואָס אים גלוסט זיך. ער איז דער הערשער. אין אַזוי זעהט איר איך האָב רעכט צו זיין גליקלאַך, ניטאָ גאָר־נישט אויף דער וועלט, וואָס סזאָל קאָנען צושטערן מיין פרייד.

יוחנןס שטים: ער וועט זיצן אויפן קיניג־שטול זיינעם ער וועט זיין אנגע־

טאַן אין פורפור און רויט, אין דער האַנט זיינער וועט ער האַלטן אַ בעכער פון גאָלד פול מיט די אומריינקייט זיינע און אַ מלך פון גאָט וועט דערשלאָגן אים! ער וועט ווערן אויפגעגעסן פון די ווערים!

הורדיה: איר הערט, וואָס ער רעדט וועגן אייך. ער זאָגט אַז איר וועט ווערן אויפגעגעסן פון ווערים.

הורדוס: ניט וועגן מיר רעדט ער. ער רעדט קיינמאָל ניט קיין שלעכטס וועגן מיר, ער רעדט וועגן קאַפּאַדאַציענישן מלך, וועגן מיין פיינד. דעם קאַפּאַדאַציענישן מלך, דאָס וועט ער ווערן אויפגעגעסן פון ווערים. ניט איך, קיינמאָל רעדט ער ניט קיין שלעכטס וועגן מיר. אויסער דעם וואָס איך האָב געטאָן ניט רעכטיג, נעמענדיק פאַר אַ ווייב די פרוי פון מיין ברודער. סקען זיין, ער איז געווען גערעכט. איר זייט דאָך אַ עקרה.

הורדיה: איך בין אַ עקרה, אין? און איר זאָגט דאָס, איר וועלכער קוקט שטענדיג אויף מיין טאָכטער, איר וועלכער האָט געוואָלט צווינגען זי טאַנצן פון אייער פאַרגעניגן וועגן. סאיז לעכערלאַך צו רעדן אַזוי. ביי מיר איז געווען אַ קינד. ביי אייך איז קיינמאָל קיין קינד ניט געווען, אַפילו פון איינע פון אייערע שקלאַפינס, דאָס זייט איר אינפרוכטבאַר און ניט איך!

הורדוס: שווייגט! איך זאָג אייך, אַז איר זייט אַ עקרה. איר האָט ניט געבאָרן מיר קיין קינד! און דער נביא זאָגט אַז אונזער הייראַט פאַרבאַנד איז ניט קיין ווי קלאָר הייראַטס-פאַרבאַנד: ער זאָגט, אַז דאָס איז אַ הייראַטס-פאַרבאַנד פון בלוט-צומישונג, אַ הייראַטס-פאַרבאַנד, וועלכער וועט ברענגען אַ אומגליק... איך האָב מורא, אַז ער איז גערעכט, איך בין איינגעגלויבט, אַז ער איז גערעכט. נאָר איצט איז ניט קיין צייט צו רעדן וועגן די זאַכן, איצט וויל איך זיין גליקלאַך. און איך בין באמת גליקלאַך. איך בין זעהר גליקלאַך ניט אַ. גאָרנישט אויף דער וועלט, וואָס ס'זאָל מיר או ספעלן!

הירדיה: מיר פרעהט זעהר, וואָס איר זייט היינט אָוועגס אין אַזאַ גוטער שטימונג, דאָס איז ניט אייערע געוואוינהייטן. נאָר ס'איז שפעט לאָמיר זיך אומקערן. ניט פאַרגעסט אַז מיטן זונען אויפגאַנג געהן מיר אַלע אַוועק אויף יאַכט די שלוחים פון קיסר דאַרפן אַרויסגעוויזן ווערן אַלערליי כבודן ניט וואָר?

2-טער קריגסמאַן: ס'ער'אַ טרויעריגער אויס עהן ביים טעטראַרך.

1-טער קריגסמאַן; יע ביי אים איז אַ טרויעריגער אויסזעהן.

הורדות: שלומית, שלומית, טאַנצט פאַר מיר איך בעט אייך טאַנצט פאַר מיר. מיר איז אומעטיג היינט אָוונט. יע מיר איז זעהר אומעטיג היינט אָוונט. ווען איך בין אַריין אַהער האָב איך זיך אויסגעגליטשט אין בלוט און דאָס איז אַ שלעכטער סימן. און איך האָב געהערט, איך בין איינגעגלויבט, אַז איך האָב געהערט אַ פלאַטערן פון פליגל אין לופטן אַ פלאַטערן פון ריזיגע פליגל איך ווייס ניט, וואָס דאָס זאָל באַטייטן.... מיר איז אומעטיג היינט אָוונט. דעריבער טאַנצט פאַר מיר, טאַנצט פאַר מיר, שלומית, איך בעט אייך. אויב איר וועט פאַר מיר טאַנצן דאַן קאָנט איר פאָדערן פון מיר אַלץ וואָס איר פאַרלאַנגט און איך וועל געבן אייך. יע טאַנצט פאַר מיר, שלומית, און איך וועל געבן אייך אַלץ, וואָס איר וועט פאָדערן, סאָן זיין דאָס אַ העלפט פון מיין מלוכה.

שלומית: [אויפשטעהענדיג] איר וועט מיר געבן אַלץ, וואָס איך וועל פאָדערן, טעטראַרך?

הורדיה: טאַנצט ניט, טאָכטער מיינע!

הורדות: אַלץ, סמעג זיין דאָס אַ העלפט פון מיין מלוכה.

שלומית: איר שווערט זיך, טעטראַרך?

הירדות: איך שווער מיך, שלומית.

הורדיה: טאָכטער מיינע, טאַנצט ניט!

שלומית: ביי וואָס שווערט איר זיך?

הורדות: ביי דעם לעבן מיינעם, ביי דער קרוין מיינער, ביי די געטער מיינע, אַלץ, וואָס איר וועט פאַרלאַנגען וועל איך געבן אייך, דאָס מעג זיין אַ העלפט פון מיין מלוכה, אויב איר וועט נאָר טאַנצן פאַר מיר. אַ שלומית, שלומית, טאַנצט פאַר מיר!

שלומית: איר האָט זיך געשוואָרן, טעטראַרך.

הירדות: איך האָב זיך געשוואָרן, שלומית.

שלומית: אַלץ וואָס איך וועל פאָדערן, דאָס מעג זיין אַ העלפט פון אייער מלוכה?

הורדיה: טאַנצט ניט, טאָכטער מיינע!

הורדות: דאָס מעג זיין אַ העלפט פון מיין מלוכה, אַ מלכה וועסטו זיין אַ שע-

נע, שלומית׳ אויב נאָר דיר וועט געפעליג זיין פאָדערן אַ העלפט פון מיין מלוכה. ניט וואַר, זי וועט זיין אַ שענע מלכּה? אָ! דאָ איז קאַלט, דאָ בלאָזט זעהר אַ קאַלטער ווינט! און איך הער, פאַר וואָס הער איך אין לופטן אַ פלאַטערן פון פליגל ?! מאָמען קאָן מיינען אַז אַ ווערכער סאיז פויגל. אַ גרויסער, שוואַרצער פויגל שוועבט איבערן טעראַסע. פאַרוואָס קאָן איך ניט זעהן דעם פויגל? דער רעש פון זיינע פליגל איז שרעקלאַך. דער ווינט פון רעש פון זיינע פליגל איז שרעקלאַך. דאָס איז אַ קאַלטער ווינט... נאָר ניין סאיז גאָרניט קאַלט פאַרקערט סאיז זעהר הייס, סאיז צופיל הייס. איך שטיק זיך! גיסט מיר אויף די הענט! וואַסער, גיט מיר שלינגען שניי! ספּיליעט מיר פאַרנאַנדער מיין מאַנטל!... גיכער, גיכער ספּיליעט פאַרנאַנדער מיין מאַנטל!... ניין! לאָזט אים אָפּ!... דאָס איז מיר סוט וועה פון מיין קראַנץ, פון מיין רויזן-קראַנץ. די בלומען זיינען, ווי פון פייער, זיי האָבן מיר אָפּגע-ברענט מיין שטערן! [ער רייסט אַראָפּ פון קאָפּ דעם קראַנץ און וואַרפט אים אויפן טיש] אָ! צום סוף קאָן איך אָטעמען. ווי רויט עס זיינען די רויזן-פליטער, זיי זיינען ווי פלעקן בלוט אויף אַ טישטוך. דאָס איז גאָרנישט, מען טאָר ניט זוכן קיין צייכן אין אַלץ, וואָס דו זעסט. דאָס מאַכט דעם לעבן אונטרעגלאַך. בעסער יואָלט געוועזן צו זאָגן, אַז פלעקן בלוט זיינען אויך אזוי שען ווי רויזן-פליטערן אַ סך בעסער וואָלט געוועזן צו זאָגן אַזוי׳ נאָר לאָמיר ניט רעדן פון דעם. איצט בין איך גליקלאַך, איך האָב רעכט צו זיין גליק-לאַך, ניט וואַר? אייער טאָכטער וועט טאַנצן פאַר מיר. איר וועט באמת טאַנצען פאַר מיר, שולמית? איר האָט צוגעזאָגט צו טאַנצ-פאַר מיר.

הורדיה: איך וויל ניט זי זאָל טאַנצען.

שלומות: איך וועל טאַנצן פאַר אייך טעטראַרך.

הירדות: איר הערט, וואָס עס זאָגט אייער טאָכטער, זי וועט טאַנצן פאַר מיר. דאָס איז גוט, שלומית, וואָס איר וועט טאַנצען פאַר מיר. און ווען איר וועט ענדיקן טאַנצען, ניט פאַרגעסט צו פאָדערן פון מיר אַלץ. וואָס איר וועט געלוסטן, אַלץ וואָס איר וועט געלוסטן, וועל איך אייך געבן. דאָס מעג זיין אַ העלפט פון מיין מלוכה! איך האָב זיך געשוואָרן, ניט וואָר?

שלומית: איר האָט זיך געשוואָ־ן טעטראַרך.

הורדות: און האָב קיינמאָל ניט משנה-געוועזן מיין וואָר, אך בין ניט פון

די, וואָס ברעכן זייער וואָרט. איך קאָן ניט ליינגן, איך בין אַ שקלאַף פון מיין וואָרט. און דער וואָרט מיינער איז אַ וואָרט פון אַ מלך. דער קאַפּאַדאָציענישער מלך לייגט תמיד, אָבער ער איז דאָך ניט קיין אמתר מלך. ער איז אַ פּחדן. אויסער דעם קומט ער מיר געלט און יויל ניט צאָלן ער האָט אפילו באַליידיקט מיי-נע שלוחים. ער רעדט זעהר באַליידיגענדע זאַכן, נאָר דער קיסר וועט קרייציגן אים ווען ער וועט זיך אומקערן קיין רוים׳ איך בין איינגעגלויבט, אַז דער קיסר וועט קרייציגן אים. און אויב ניט וועט ער סיי ווי סיי שטאַרבן, אַ אויפגעגעסענער פון די ווערים, דער נביא האָט פאָרגעזאָגט דאָס. נו וואָס זשע שלומית, וואָס וואַרט איר?

שלומית: איך וואַרט מיינע שקלאַפינס זאָלן ברענגען מיר די וויירעך, און די זיבן שלייערס און אַראָפּנעמען פון מיר די סאַנדאַליען [די שקלאַפינס ברענגען וויירעך, זיבן שלייערס און נעמען אַראָפּ פון שלומית פיס די סאַנדאַליען].

הורדות: אָ! איר וועט טאַנצן, אַ באָרוועסע! דאָס איז גוט! דאָס איז גוט! אייערע קליינע פיס וועלן זיין ווי ווייסע טויבן. זיי זיינען ענלאַך צו קליינע, ווייסע בלומען, וואָס טאַנצן אויפן בוים... אַך ניין! זי וועט טאַנצן אין בלוט, אויף דער ערד איז בלוט. אך וויל ניט זי זאָל טאַנצן אין בלוט! דאָס וואָלט געווען זעהר אַ שלעכטער צייכן.

הורדיה: וואָס איז אייך דערצו׳ וואָס זי וועט טאַנצן אין בלוט. איר זייט דאָך געגאַנגען איבער בלוט, איר...

הורדות: וואָס איז מיר דערצו? אַן! גיט אַ קוק אויף דער לבנה. זי איז גע-וואָרן רויט, זי איז געוואָרן רויט ווי בלוט. אַ! דער נביא האָט דאָך דאָס פאָראויסגעזאָגט. ער האָט פאָראויסגעזאָגט, אַז די לבנה וועט ווערן רויט ווי בלוט, ניט וואַר. ער האָט דאָס פאָראויסגע-זאָגט. איר האָט דאָס אַלע געהערט. די לבנה איז געוואָרן רויט ווי בלוט. איר זעהט דאָס ניט?

ורדיה: איך זעה דאָס זעהר גוט, און די שטערן פאַלן אויף דער ערד גלייך ווי גרינע פרוכט פון אַ פייגנבוים ניט וואַר? און די זון ווערט שוואַרץ ווי אַ זאַק, און די מלאכים פון דער ערד האָט ארומגע-כאַפּט אַ שרעק. דאָס, אַמווייניגסטענס, זעהט זיך, כאָץ איינמאָל אין לעבן איז דער נביא געבליבן גערעכט... די מלכים פון דער ערד האָט אַרומגעכאַפּט אַ שרעק. דאָך לאָמיר זיך אומקערן איר זייט קראַנק אין רוים וועט מען סלערן אַז איר זייט משוגע געוואָרן.

לאָמיר זיך אומקערן, איך זאָג אייך!

יוחננס שטים: ווער איז דער, וואָס קומט פון אדום, וואָס קומט פון נצרי אין אַ קליידונג געפאַרבן אין פורפור בלישצענדיק איז די שענקייט פון זיין קליידונג, און געהענדיק אין דער גאַנצער גרויס פון זיין קראַפט, וואָרום זיינען די קליידער אייערע געפאַרבן אין רויט?

הורדיה: לאָמיר זיך אומקערן די שטים פון דעם מעגשן דערצערנט מיך. איך וויל ניט, אַז מיין טאָכטער זאָל טאַנצן ביז ער שרייט דאָרטן. איך וויל ניט זי זאָל טאַנצן ביז וואַנען איר קוקט אויף איר אַזוי, מיט איין וואָרט, איך וויל ניט זי זאָל טאַנצן!

הורדות: שטעה ניט אויף, פרוי מיינע, מלכה מיינע! דאָס איז אומזיסט איך וועל ניט אַוועקגעהן ביז זי וועט ניט אויסטאַנצן, טאַנצט, שלומית טאַנצט פאַר מיר.

הורדיה: טאַנצט ניט טאָכטער מיינע.

שלומית: איך בין גרייט טעטראַרך [שלומית טאַנצט דעם טאַנץ פון די זיבן שלייערס]

הורדות: אַ! דאָס איז פרעכטיג! דאָס איז פרעכטיג! איר זעהט, אייער טאָכטער האָט געטאַנצט פאַר מיר! געהט צו, שלומית, געהט צו כדי איך זאָל קאָנען בעלוינען אייך. אָ! איך צאָל גוט טענצערינס. דיר וועל איך גוט באַצאָלן. איך וועל דיר געבן אלץ, וואָס דו וועסט וועלן, וואָס ווילסטו, רעד!

שלומית: [שטעלענדיק זיך אויף די קניה] איך וויל מען זאָל מיר תיכף, ברענגען אויף אַ זילבערנער טאַץ....

הורדות: [לאַכענדיק] אויף אַ זילבערנעם טאַץ, נו יע. געוויס אויף אַ זילבערנע טאַץ. זי איז צויבערהאַפט, ניט וואר? וואָס זשע ווילט איר זאָל מען אייך ברענגען אויף אַ זילבערנער טאַץ, טייערע און שענע, שלומית, איר וואָס זייט שענער פון אַלע מיידלאַך פון יהודה, וואָס זשע ווילט איר מען זאָל אייך ברענגען אויף אַ זילבערנער טאַץ? זאָגט מיר, וואָס דאָס זאָל ניט זיין וועט מען אייך געבן דאָס. מיינע אוצרות געהערן אייך, וואָס זשע איז דאָס אַזוינס שלומית?

שלומית: [אויפשטעהענדיק] יוחננס קאָפּ.

הורדיה: אָ! דאָס איז גוט געזאָגט טאָכטער מיינע!

הורדות: ניין! ניין!

הורדיה: דאָס איז גוט געזאָגט טאָכטער מיינע!

הורדות: ניין, ניין, שלומית, פאָדערט דאָס ניט פון מיר. ניט הערט אייער מוטער זי גיט אייך תמיד שלעכטע עצות. מען דאַרף זי ניט הערן!

שלומית: איך הער ניט מיין מוטער: פון מיין אייגענעם פאַרגעניגן וועגן בעט איך יוחננס קאָפּ אויף אַ זילבערנע טאַץ. איר האָט זיך געשוואָרן, הורדות, ניט פאַרגעסט, אַז איר האָט זיך געשוואָרן.

הורדות: איך ווייס איך האָב זיך געשוואָרן ביי מיינע געטער, איך ווייס דאָס גוט, נאָר איך בעט אייך, שלומית, פאָדערט פון מיר עפּעס וואָס אַנדערס, פאָדערט פון מיר אַ העלפט פון מיין מלוכה און איך וועל געבן אייך דאָס. נאָר ניט פאָדערט פון מיר דאָס, וואָס איר האָט געפאָדערט.

שלומית: איך פאָדער פון אייך יוחננס קאָפּ.

הורדות: ניין, ניין איך וויל ניט,

שלומית: איר האָט זיך געשוואָרן, הורדות.

הורדיה: יע, איר האָט זיך געשוואָרן אַלע האָבן אייך געהערט. איר האָט זיך געשוואָרן פאַר אַלעמען,

הורדות: שווייגט, ניט מיט אייך רעד איך!

הורדיה: מיין טאָכטער איז פאָלקאָם גערעכט, פאָדערנדיק דעם קאָפּ פון יעם מענשן. ער האָט מיר אַלערליי געלעסטערט, ער האָט גערעדט וועגן מיר שרעקלאכע זאַכן. סקענטיג, אַז זי ליבט איר מוטער. גיט ניט נאָך טאָכטער מיינע, ער האָט זיך געשוואָרן, ער האָט זיך געשוואָרן.

הורדות: שווייגט! ניט רעדט מיט מיר — רעדט צו, שלומית, מען דאַרף זיי פאַרשטאַנדיק. ניט וואָר? ניט וואַר, מען דאַרף זיין פאַרשטאַנדיק. איך בין קיינמאָל ניט געווען ביין צו אייך. איך האָב אייך המיד געליבט, סקען זיין, איך האָב אייך צופיל געליבט און דעריבער ניט פאָדערט פון מיר דאָס. און אין אמתן גלויב איך ניט, אַז איר זאָלט דאָס ערנסט פאָדערן. אַ קאָפּ פון אַ געהרג׳עטן מענשן, דאָס איז עטוואָס שרעקלאכעס, העסלאַכעס, ניט וואַר? דאָס איז ניט אַזאַ זאַך אויף, וועלכע ס׳דאַרף קוקן אַ מיידל. וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן קאָן דאָס אייך פאַרשאַפן? קיין פאַרגעניגן. ניין ניין איר ווילט דאָס ניט... הערט מיר אויס אַ רגע. ביי מיר איז פראַן

א סמאַראַגד. אַ גרויסער קיילכריגעס סמאַראַגד· וואָס עס האָט מ ר צוגעשיקט דער ליבלינג פון קיסר. אויב איר וועט אַ קוק טאָן דורך דעם סמאַראַגד קאָנט איר דערזעהן אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אויף אַ גרויסן שטח. דער קיסר אַליין טראָגט אַקוראַט אַזאַ ווען ער געהט אין צירק, נאָר מיינער איז גרעסער, מיינער איז דער גרעסטער סמאַראַגד אויף דער וועלט. ניט וואַר, איר ווילט אים? פאָדערט און איך וועל געבן אים אייך.

שלומית: איך פאָדער יוחננס קאָפ.

הורדות: איר הערט מיר ניט, איר הערט מיר ניט, לאָזט זשע מיר רעדן שלומית.

שלומית: יוחננס קאָפ.

הורדות: ניי, ניין איר ווילט דאָס ניט, איר זאָגט דאָס מיר כדי נאָר צו פייניגן מיך. דערפאַר, וואָס איך האָב אויף אייך געקוקט דעם גאַנצען אָוונט. נו יע, דאָס איז אַזוי. איך האָב אויף אייך געקוקט דעם גאַנצן אָוונט. אייער שענקייט האָט מיר פאַרווירט, אייער שענקייט האָט מיר שרעקלאַך פאַרווירט· און איך האָב געקוקט אויף אייך צופיל, נאָר איך וועל עס מער ניט טאָן. מען דאַרף ניט קוקן, ניט אויף מענשן, ניט אויף חפצים, מען דאַרף קוקן נאָר אין שפיגלען, ווייל שפיגלען באַווייזן איגז, נאָר אייגע מאַסקעס.... אָ! אָ! ווײַן! מיר ווילט זיך טרינקען!... שלומית, שולמית לאָמיר זיין פריינד, צום סוף זעהט... וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן! וואָס אזוינס? אַ! כהאָב זיך דערמאָנט..,. שלומית! ניין גייט צו נעהענטער צו מיר, איך האָב מורא. אַז איר וועט מיר ניט דערהערן... שלומית, איר ווייסט מיינע ווייסע פאַוועס, מיינע שעגע ווייסע פאַוועס, וואָס טוען אַרומגעהן אין גאָרטן, צווישן מירטן און הויכע ציפּרעסן, זייערע מיילער זיינען באַגאָלט, און די זורמען, וואָס זיי עסן זיינען אויך באַגאָלט, און די פיס זייערע זיינען געפאָרבן אין פורפור, ווען זיי שרייען געהט אַ רעגן, און ווען זיי לאָזן פאַרנאַנדער זייערע עקן באַווייזט זיך אויפן הימל די לבנה, זיי געהען פאָר ווייס צווישן די צופּרעסן און שוואַרצע מירטן און ביי יעדער איז דאָ אַ שקלאַף, וועלכער קוקט צו אויף זיי, אָפטמאָל פליהען זיי צווישן די בוימער, אָפטמאָל ליגן זיי אויף דער וויזע און אַרום וואַסער. ניטאָ אויף דער גאַנצער וועלט אַזעלכע וואונדערבאַרע פויגל, ניטאָ קיין מלך אויף דער וועלט ביי וועלכן עס זאָלן זיין אַזעלכע וואונדערבאַרע פויגל· איך בין,

איינגעגלויבט, אַז ביין קיסר אַליין איז ניטאָ אַזעלכע צויבערהאַפטע פויגל. טאָ הערט! איך וועל שענקען אייך פופציג מיינע פאַוועס, זיי וועלן נאָכגעהן נאָך אייך אומעטום, און צווישן זיי וועט איר זיין ווי די לבנה אין אַ גרויסן ווייסן וואָלקן. איך וועל אייך אַלע שענקען· ביי מיר זיינען זיי נאָר הונדערט. און ניטאָ אויף דער וועלט קיין מלך, וועלכער ס׳זאָל האָבן פאַוועס ענלאַכע צו מיינע, נאָר איך וועל אייך שענקען אַלע, נאָר באַפרייט מיר פון מיין וואָרט און ניט פאָדערט פון מיר דאָס, וואָס איר האָט געפאָדערט! [ער טרינקט אויס דעם בעכער ווײַן]

שלומית: גיט מיר יוחננס קאָפ.

הורדיה: סאיז גוט געזאָגט, טאָכטער מיינע! איר זייט לעכערלאַך מיט אייערע פאַוועס.

הורדות: ווערט אַנטשוויגן איר שרייט שטענדיג, איר זייט ווי אַ רויבערישע חיה· מען דאַרף אַזוי ניט שרייען. אייער שטים ערגערט מיך. ווערט אַנטשוויגן, זאָג איך אייך... שלומית· טוט אַ קלער וועגן דעם, וואָס איר טוט, דער מענש, קאָן זיין, איז געשיקט פון גאָט איך בין איינגעגלויבט, אַז ער איז געשיקט פון גאָט. דאָס איז אַ הייליקער מענש· גאָטס האָט אים באַרירט, גאָט האָט אַריינגעלעגט אין זיין מויל שרעקלאַכע ווערטער. אין פּאַלאַץ, ווי אין מדבר איז גאָט תמיד מיט אים, אַמווייניגסטן· איז עס מעגלאַך, קיינער ווייס ניט, נאָר סאיז מעגלאַך, אַז גאָט איז פאַר אים און מיט אים און דעריבער, קאָן זיין, אַז אויב ער וועט שטאַרבן וועט מיט מיר זיך טרעפן אַ אומגליק. צום סיף האָט ער געזאָגט, אַז אין דעם טאָג ווען ער וועט שטאַרבן וועט זיך מיט עמיצן טרעפן אַ אומגליק. דאָס קאָן זיך נאָר טרעפן מיט מיר. דערמאָנט זיך, ווען איך בין אַריינגעגאַנגען אהער האָב איך זיך אויסגעגליטשט אין בלוט, אויסער דעם האָב איך געהערט אַ פלאַטערן פון פליגל אין לופטן, אַ פלאַטערן פון ריזיגע פליגל. דאָס זיינען שלעכטע סימנים און עס זיינען געווען אויך אַנדערע. איך בין איינגעגלויבט· אַז סזיינען געווען אויך אַנדערע, הגם איך האָב זיי ניט געזעהן. און אַזוי, שלומית, ר׳ווילט דאָך ניט, אַז ס׳זאָל זיך מיט מיר טרעפן אַ אומגליק, איר ווילט עס ניט, און אַזוי הערט מיר אויס·

שלומית: גיט מיר יוחננס קאָפ.

הורדות: אָט זעהט איר, איר ווילט מיר ניט אויסהערן. אָבער זייט רוהיג, איך אַליין בין זעהר רוהיג, איך בין פאָלקאָם רוהיג! הערט, ביי מיר

זיינען דאָ באַהאַלטן טייערע צירונג וועלכע אייער מוטער אַפילו
האָט קיינמאָל ניט געזעהן. אוצרות גאָר ניט קיין געוויינלאַכע.
ביי מיר איז פראַן אַ פערל שנור אין פיר ציילן, מען קאָן מיינען
דאָס זיינען לבנות באַשמידטע מיט זילבערנע שטראַלן, מען קאָן
מיינען דאָס זיינען פופציג לבנות געפאַנגען אין אַ גאָלדענע נעץ,
איינע אַ מלכה האָט געטראָגן דאָס, אויף איר, ווי העלפאַנד-ביין
ווייסע ברוסט און דו וועסט ד'ועסט אָנטאָן דאָס וועסטו זיין אויך
אַזוי שען ווי אַ מלכה. ביי מיר זיינען פראַן אַמעטיסטן צווייערליי
איינע שוואַרצע ווי וויין, די צווייטע רויטע ווי וויין צומיסט מיט
וואַסער, ביי מיר זיינען פראַן טאָפּאַזן געלע ווי די אויגן פון
טיגרען, און טאָפּאַזן ראָזע, ווי אויגן פון טויבן און טאָפּאַזן גרי-
נע ווי ד'אויגן פון קעץ. ביי מיר זיינען פראַן אָפּאַלן, וועלכע
ס'ברענען רמיד מיט זעהר אַ קאַלטן פלאַם, ס'זיינען פראַן אָפּאַלן
וועלכע ס'ווארפן אַ אומעט אויף דער נשמה און שרעקן זיך פאַר
פינסטערניש, ביי מיר זיינען פראַן אָניקסן ענלאַכע צו שוואַרצע
אַפּלען פון אַ טויטע, ביי מיר זיינען פראַן לבנה-שטיינער, וועלכע,
ס'בייטן זיך ווען עס בייט זיך די לבנה. און וועלכע ס'בלייכן זיך
ווען זיי זעהען די זון. ביי מיר זיינען פראַן סאַפּירן גרויסע ווי
אייער און בלויע ווי בלויע בלומען, אין זיי זיצט א ים און די
לבנה קאָן קיינמאָל ניט צושטערן די בלויקייט פון זייערע כוואַ-
ליעס. ביי מיר זיינען דאָ כריזאָליטן און בערילן, ביי מיר זיינען
פראַן חריזאָפראַסן און רובינען, ביי מיר זיינען פראַן סאַרדאָניקסן
און גיאַצינטען, און חאַלצעדאַנען און איך וועל אייך אוועקגעבן
אַלע, יע אַלע און כוועל נאָך צוגעבן אויך אַנדערע זאַכן. דער
אינדישער מלך האָט מיר נאָר וואָס צוגעשיקט פיר פאָכערס גע-
מאַכטע פון פּאָפּוגאַי-פעדערן, און דער נומידישער מלך — אַ קליין
דונג פון סטראַוס-פעדערן, ביי מיר איז פראַן א קריסטאָל, אויף
וועלכן פרויען טאָרן ניט קוקן, און אויף וועלכן אפילו בחורים
קאָנען קוקן נאָר דאַן ווי מען האָט זיי געשמיסן מיט ריטער. אין
אַ פערלמוטער-קעסטעלע זיינען ביי מיר פראַן דריי צויבערהאַפ-
טע טיורקיס-שטיינער אויב מען זאָל זיי אָנטאָן אויפן שטערן קאָ-
נען זיך פאָרשטעלן זאַכן, וועלכע עקזיסטירן אין אויב מען זאָל
זיי טראָגן אויפן האַנט קאָן מען מאַכן פרויען אונפרוכטבאַר, דאָס
זיינען טייערקייטן, וועלכע האָבן גיט קיין פרייז און דאָס איז ניט
אַלץ. אין אַ קעסטל פון עבענהאָלץ זיינען ביי מיר פראַן צוויי
בורשטין בעכער ענלאַכע צו גאָלדענע עפּל אויב אין די בעכער
זאָל אַ שונא אַנשיטן גיפט ווערן זיי ענלאַך צו זילבערנע עפּל.

אין אַ קעסטל געפלאַטטערט מיט בורשטיין זיינען ביי מיר פראַן
סאַנדאַליען אויסגעבעט מיט גלאָז, ביי מיר איז פראַן א קליידונג
פון זרת לאַנד, און ברוסטאַלן באַצירט מיט קאַרבונקולן אין
גרינשטיינער פון דער שטאָט אפרת.... צום סוף, וואָס ווילסטו,
שלומית? זאָג מיר וואָס פאַרלאַנגסטו און איך וועל געבן דיר דאָס,
איך וועל געבן דיר אַלץ, וואָס דו וועסט ביי מיר פאָדערן אוי-
סער איינעס, איך וועל געבן דיר אַלץ וואָס איך האָב, אויסער
איין לעבן. איך וועל געבן ד"ר ס'קליידונג פון כהן-גדול, איך
וועל געבן דיר דעם פרוכת פון קדשי קדשים!

יהודים: אָ! אָ!

שלומית: גיב מיר יוחננס קאָפּ.

הורדות: [אַראָפּלאָזנדיק זיך אויפן לענבאַנק] מען זאָל געבן איר דאָס, וואָס זי פאָ-
דערט, זי איז באמת, אַ טאָכטער פון איר מוטער! [דער 1-טער
קריגסמאַן דערנעהענטערט זיך. הורדיה נעמט אַראָפּ פון טעטראַרכס האַנט דעם רונג
פון טויט און גיט עס אַוועק דעם קריגסמאַן, וועלכער טראָגט עס גלייך אָפּ דעם
תלין, ביים תלין איז אַ צערשראָקענער אויסזעהן] ווער האָט גענומען מיין
רונג, ביי מיר איז געווען אַ רונג אויפן רעכטן האַנט? ווער האָט
אויסגעטרונקען מיינע וויין. ביי מיר אין בעכער איז געווען וויין,
דער בעכער איז געווען פול מיט וויין עמיצער האָט אויסגעטרונ-
קען אים? אָ! איך בין איינגעגלויבט, אַז מיט ווע־מען סאיז וועט
זיך טרעפן אַ אומגליק! [דער תלין לאָזט זיך אַראָפּ אין בעק] אָך! פאַר-
וואָס האָב איך געגעבן אַ וואָרט. מלכים טאָרן קיינמאָל ניט געבן
קיין וואָרט: אויב זיי ברעכן ס'וואָרט איז דאָס שרעקלאַך, אויב
זיי האַלטן אים איז דאָס אויך אזוי שרעקלאַך!....

הורדיה: איך געפין איין, אַז די טאָכטער מיינע האָט גוט געטאָן.

הורדות: איך בין איינגעגלויבט, אַז עס וועט זיך טרעפן אַ אומגליק

שלומית: [בייגט זיך איין איבערן בעק און הערט] קיין מוק; איך הער גאָרנישט, פאַר-
וואָס שרייט ער ניט דער מענש? אָ! אויב ווער ניט איז וואָלט
פראָוון מיר הרגענען וואָלט איך געשריען, כ'וואָלט אָפּגעשלאָגן
זיך, איך וואָלט ניט וועלן ליידן,.. שלאָג! שלאָג, נעמון. שלאָג,
זאָג איך דיר!... ניין! איך הער גאָרנישט. דאָרט הערשט אַ שרעק-
לאַכער שווייגן אָ; עפּעס וואָס איז געפאַלן אויף דער ערד, כ'האָב
געהערט, ווי עפּעס וואָס איז געפאַלן. דאָס איז דער שווערד פון
תלין. ער האָט מורא דער שקלאַף, ער האָט ארויסגעלאָזן, זיין

שווערד, ער וואַגט אים ניט צו שלאָגן. ער איז אַ פּחדן דער שקלאַף! מען דאַרף שיקן די קריגסלייט [זי זעהט הורדיה׳ס פּאַזש און ווענדט זיך צו אים] געה צו אַ הער, דו ביסט געווען אַ חבר פון דעם, וועך ס׳איז געשטאָרבן ניט וואַר? און אַזוי איז נאָך ניט גענוג קיין טויטע, זאָג די קריגסלייט זיי זאָלן זיך אַראָפּלאָזן אַהין און ברענגען מיר, דאָס, וואָס איך פאָדער, דאָס וואָס ס׳האָט מיר צוגעזאָגט דער טעטראַרך, דאָס וואָס מיר געהערט [דער פּאַזש געהט אָפּ, זי ווענדט זיך צו די קריגסלייט] געהט צו אַהער, קריגסלייט, לאָזט זיך אַראָפּ אין בעק און בראַנגט מיר דעם קאָפּ פון דעם מענשן, [די קריגסלייט געהען אָפּ] טעטראַרך, טעטראַרך, באַפעלט אייערע קריגסלייט מיר ברענגען יוחננס קאָפּ! [אַ גרויסע שוואַרצע האַנט, די האַנט פון תלין באַווייזט זיך פון בעק האַלטענדיק אויף אַ זילבערנעם שילד יוחננס קאָפּ, שלומית כאַפּט אים אַראָפּ, הורדות פאַרדעקט זיין פנים מיטן מאַנטל. הורדיה שמייכעלט און פאָכערט זיך מיטן פאָכער, די נוצרים לאָזן זיך אַראָפּ אויף די קניה און הויבן אָן תפילה-טאָן] אַ! דו האָסט ניט געוואָלט ערלויבן מיר אַ קוש טאָן דיין מויל, יוחנן, טאָ אָט זעה איך וועל אים שוין אַ קוש טאָן! איך וועל אים אַ ביסט טאָן מיט מיינע ציין, ווי מען בייסט אַ צייטיג פרוכט! יע איך וועל אַ קוש טאָן דיין מויל, יוחנן, איך האָב געזאָגט דיר דאָס, ניט וואַר? איך האָב געזאָגט דיר דאָס און אָט! איך וועל אים אַ קוש טאָן איצט! אָבער פאַרוואָס קוקסטו ניט אויף מיר, יוחנן, דיינע אויגן, וואָס זיינען געווען אַזוי שרעקלאַך, וואָס זיינען געווען אַזוי פול מיט צאָרן און פאַראַכטונג. זיי זיינען איצט פאַרמאַכט. עפן אויף דיינע אויגן, הויב אויף דיינע וועהען, יוחנן, פאַרוואָס קוקסטו ניט אויף מיר? דו האָסט מורא יוחנן, און דערום ווילסטו אויף מיר ניט קוקן!... און דיין צונג וואָס איז געווען ווי אַ רויטער שלאַנג, וואָס שפּריצט מיט גיפט דיין צונג, ער רירט זיך שוין ניט מער, ער רעדט גאָרנישט איצט, יוחנן, דער רויטער עקדעש, וואָס האָט געשפּייגן אויף מיר זיין גיפט. דאָס איז מאָדנע, ניט וואַר? פאַרוואָס רירט זיך מער ניט דער רויטער עקדעש?... דו האָסט מיך ניט געוואָלט, יוחנן, דו האָסט אָפּגעשטופּט מיך, דו האָסט געזידעלט מיך. דו האָסט זיך באַגאַנגען מיט מיר, ווי מיט אַ אויסגעלאַססענער, ווי מיט אַ זינדיגער, מיט מיר שלומית די טאָכטער פון הורדיה, דער בת-מלכה פון יהודה! אָט, יוחנן, איך לעב נאָך און דו ביסט טויט, און דער קאָפּ דיינער געהערט צו מיר! איך קאָן מיט אים טאָן אַלץ וואָס ס׳וויל. איך קאָן וואַרפן אים צו די הינט און צו די פויגל פון דער לופט, דאָס וואָס ס׳וועלן איבערלאָזן די הינט, וועלן אויס-

עסן די פויגל פון לופטן! אַך, יוחנן, יוחנן! דו ביסטגעווען דער איינציגער מענש, וועלכן כ׳האָב געליבט. די אַלע איבעריגע מאַנסבילן רופן אַרויס אין מיר אַ עקל. גאָר דו, גאָר דו ביסט געווען שען. דיין לייב איז געווען אַ זייל פון העלפאַנד-ביין, אויף אַ זילבערנעם שוועל, דאָס איז געווען אַ גאָרטן פול מיט טויבן און זילבערנע ליליען, דאָס איז געווען אַ זילבערנער טורעם באַצירט מיט שילדן פון העלפאַנד-ביין. ס׳איז ניט געווען גאָרנישט אויף דער וועלט, נאָך אַזוי ווייס ווי דאָס לייב דיינע. אויף דער גאַנצער וועלט איז גאָרנישט געווען נאָך אַזוי רויט ווי דאָס מויל דיינע. דיין שטים איז געווען אַ רויכער-וואַזע, וואָס פלעגט וועהען מיט מאָדנע דופטן און בעת איך האָב געקוקט אויף דיר האָב איך געהערט אַ מאָדנע מוזיק. אַך! פאַרוואָס האָסטו ניט אַ קוק געטאָן אויף מיר, יוחנן? הינטער דיינע הענט און דיינע לעסטערונגען האָסטו באַהאַלטן דיין פנים, דו האָסט אָנגעטאָן אויף די אויגן דיינע דאָס טיכל פון דעם ווער ס׳וויל זעהן זיין גאָט. נו אָט האָסטו געזעהען אים, דיין גאָט, יוחנן, און מיך, מיך מיר האָסטו קיינמאָל ניט געזעהען, אויב דו וואָלסט דערזעהען מיך, וואָלסטו ליב קריגן מיך, איך, איך האָב געזעהען דיר, יוחנן, און האָב ליב געקראָגן דיך. אַ ווי איך האָב ליב געקראָגן דיך, און אַלץ נאָך ליב איך דיך, יוחנן! איך ליב נאָר דיך. איך דורשט נאָך דיין שענקייט. איך גאַר נאָך דיין לייב און ניט ווײַן, ניט פרוכט קאָנען ניט שטילן דעם פאַרלאַנג מיינעם, וואָס זאָל איך טאָן איצט, יוחנן? ניט טייכן, ניט וואַסערן, קאָגען ניט לעשן מיין ליידענשאַפט! איך בין געווען אַ בת-מלכה דו האָסט אָפּגעשטופּט מיר, איך בין געווען אַ יונגפרוי דו האָסט אוועקגערויבט מיין מיידעלשאַפט איך בין געווען צניעותדיק, דו האָסט אַריינגעגאָסן פייער אין מיינע אָדערן.... אַך! אַך! פאַרוואָס האָסטו ניט אַ קוק געטאָן אויף מיר, יוחנן? אויב דו וואָלסט אַ קוק געטאָן אויף מיר, וואָלסט ליב קריגן מיך און דער סוד פון ליבע איז גרעסער פאַרן סוד פון טויט, נאָר אויף ליבע דאַרפן קוקן.

הורדות: זי איז שרעקלאַך דיין טאָכטער זי איז פאָלקאָם שרעקלאַך. דאָס וואָס זי האָט געטאָן איז באמת אַ גרויסער פאַרברעך. איך בין איינגעגלויבט, אַז דאָס איז אַ פאַרברעך געגן אונבאַוואוסטן גאָט.

הורדיה: איך באַרעכטיג דאָס, וואָס ס׳האָט געטאָן מיין טאָכטער. און כ׳וויל איצט פאַרבלייבן דאָ.

הורדות: [אויפשטעהענדיק] אַ! סטוט רעדן די פרוי, די בלוט-צומיסערן! קום זאָג

איך דיר, איך בין איינגעגלויבט, אַז ס׳וועט טרעפן אַ אַ׳מגליק. מנשה, ישכר, זבולן, פאַרלעשט די שטולקאַצן, איך וויל גאַרנישט זעהן. איך וויל ניט, ס׳זאָל מיך וואָס ניט איז זעהן. פאַרלעשט די שטולקאַצן! באַהאַלט די לבנה! באַהאַלט די שטערן! לאָמיר זיך באַהאַלטן אין אונזער פּאַלאַץ, הורדיה, איך הויב אָן מורא האָבן.

(די שקלאַפן לעשן די שטולקאַצן· די שטערן פאַרשווינדן· אַ גרויסער שוואַרצער וואָלקן געהט פאַ׳בײַ דער לבנה און פאַרדעקט זי. אַויפן סצענע ווערט פאָלקאָם פינסטער· דער טעטראַרך פאַנגט אָן אַרויפצו־ גײַן אויפן לייטער)

שלומית שטים: אַ! איך האָב אַ קוש געטאָן דײַן מויל, יוחנן! איך האָב אַ קוש געטאָן דײַן מויל! ס׳איז געווען אַ שאַרפער געשמאַקט אויף די ליפּן דײַנע· איז דאָס געווען דער געשמאַק פון בלוט!?... נאָר ס׳קען זײַן דאָס איז געווען דער געשמאַק פון ליבע· מען זאָגט, אַז בײַ דער ליבע איז אַ שאַרפער געשמאַק!... אָבער אַלץ איינס, אַלץ איינס איך האָב אַ קוש געטאָן דײַן מויל, יוחנן! כ׳האָב אַ קוש געטאָן דײַן מויל!!!

א לבנה שטראַל פאַלט אויף שלומית און באַלײַכט זי·

הורדות: (ארומקוקענדיק זיך און באמערקענדיק שלומית) דערהרגעט די פרוי!
(די קריגסלײַט וואַרפן זיך און מיט
די שילדן זייערע דערשטיקן זיי
שלומית די טאָכטער
פון הורדיה,
די בת מלכה
פון יהודה)·